STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02685

DER BETLER DER LETS DER SOTSYALER MENTSH

M. Granitstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

c/o Gorodisky
Bustamante 551
Buenos-Aires
Rep. Argentina

משה גראַניטשטיין.

דער בעטלער דער רץ
דער סאָציאלער מענטש

אַ קלינישע געשיכטע.

דריי טיילן.

בועגאָס איירעס
1940

16. I. 940.

ביכער פון משה גראַניטשטיין:

פּאָעזיע.

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

פּובליציסטיק.

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

דערציילונגען און נאָוועלן.

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?

פוןביידע זייטן בריק.

די אוואַנטורעס פון חבר האַמערל.

באַם וואַגזאַל.

צוריק צום געטאָ (אַ פייער־פּראָבע.)

מענטשן פון באַגינען.

בילדער פונעם אָפּגייענדן שטעטל.

ערשטער באַנד. — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע.

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)

קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

דער אומפאַרגעסלעכער,
איזאַבעל מוניאָז.

א י י נ ל י י ט ו נ ג .

א. ג ע ש ט א ל ט ן .

דער מענטש וועט אייביק קעמפן פאר זיין אייגן אָרט אונטער דער זון, פאר זיין אייגן וואָרט, פאר זיין געשטאַלט. דער מענטש איז געפאנגען בא גאָט, און גאָט איז געפאנגען פון זיך גופא, פון דער אייגענער געטלעכער מאניע. ער איז אזוי סוביעקטיוו און הערמעטיש־איינגעשלאָסן אין זיך, אזויווי אלץ, וואָס ער האָט ארויסגעבראכט, באשאפן. אויסער זיך, מחוץ פון זיין גבול, זעט ער גאָרנישט.

דער מענטש איז געפאנגען בא גאָט, ווייל ער האָט אף אים זיין מעכטיק געשטאַלט ארויפגעצוואונגען. ויברא אלהים את האדם בצלמו, בצלם אלהים ברא אותו; ער, דער איינציקער, אלהעכסטער און גערעכטער, האָט ניט געקענט פארטראָגן, אז דער מענטש זאָל זיך אליין, זיין אייגן געשטאַלט פורעמען, ער זאָל זיך אליין צום אויסדרוק ברענגען; נאָר, ער, דער באשעפער, איז געווען אזוי געטלעך־ניט־פארגינעריש, אזוי ענגהארציק־קליינלעך, אז ער האָט אף אים, אף דעם אָרעמען שוואכן מענטשן, אָנגעהאנגען זיין שווידערלעכע געטלעכקייט.

דאַריבער, באַגערט אזוי דער מענטש זיין אייגן אָרט אונטער דער זון; זוכט ער אזוי א ווינקל אף דער ערד, וואו ער זאָל אומגעצוימט זיינע מידע ביינער אויסגלייכן; וואו ער זאָל זיך, זיין אייגן געשטאַלט, געפינען. גרוים איז די שעה, ווען ער, דער מענטש, באווייזט אפערצוקומען;

פון דער געטלעכער מאַסקע אַהינטער, און ער בלייבט שטיין הערלעך־נאַקעט, אין פּראַכט פון זיין אייגן געשטאַלט. ווער איז דאַן צו אים גלייך? געבענטשט זאָל ער זיין, דער באַפרייטער מענטש... דאַן טוט גאָט פאַלן פאַר אים כורעים, און תּפלה צום מענטש; קוקט צו אים אַרויף, מיט ערפורכט און אייפער באַגלייך, קאָן זיך גאָרנישט אָנשפּיגלען געגוג אין זיין הערלעך־מענטשלעכער פּראַכט; אין שרעק פאַר אים, פאַרן פּלוצים־אויסגעלייזטן מענטשן, ער זאָל זיך נישט דערוועגן אַמאָל, עס זאָל אים נישט קומען איבערן זינען, צושלאָגן דעם כוח־הדם, ווי גרויס זיין אייגענע גבורה איז — דאַן דערוואַכט ער, דער מענטש, מיט אומגעשטויגענער, קיינמאָל־נאָך־ביז־איצט־נישט־געאַנטער ווייזיע; שטעלט אָן, צום ערשטן מאָל, זינט וועלט און מענטש, זיין פאַרחידושטן בליק צו זיינע טראָט, וואו עס וואַלגערט זיך אַצינד אין שטויב זיין פּייניקער, זינט תּמיד...

— כי לא יראני האדם וחי... ער וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן, גאָט, דעם פרייען מענטשנס בליק... צום גליק, קומט עס נישט דערצו... אין בליק פרייהייט. און ווידער לאָזט זיך מענטש איינשפּאַנען אין צויב פון גאָט; ביז, צו אַ צווייטער שעה.

דער געראַנגל גאָט־מענטש איז אומויפהערלעך. ער גייט אָן פאַרביכן. דו זעסט אים אַרויס אומעטום, וואו מענטש האָט צו טאָן פאַר זיין קיום, אַלע טאָג, אַלע שעה. דער צופלוס און דער אָפּפלוס פון די ימים. נאָכאַמאָל און ווידער וועט ים אָפּשלאָגן די ברעגן פון יבשה, פּרוואוון אויסשפּרייטן דאָרט זיין גרוי איינטאָניק געשטאַלט; אָבער, ער ווערט כסדר צוריקגעשטויסן...

ביז, עס ברעכט אויס דער שטורעם, דער גרויסער קאַמף אינעם לעבן, די גריילעכע איבערקערעניש. גאָט קומט, מיט אויסגוס, האַרטנעקיקן צאָרן, איינשטעלן אַ סדר אין דער ווידערגעשפּעניקטער וועלט, מיט אירע מענטשן; פאַרפּלייצן זי מיט זיין געשטאַלט, איינגעמען, זי מאַכן נעהאָרכזאַם.

עס צעפלאַקערט זיך דער קאַמף. אין דורכרים, אין שטורעם, דער־

הערסטו פּלוצים, אייגן, נאָענט, מענטשנס קול. ברודער, גיב נישט נאָך. קענן איין גאָט־געשטאַלט, שטייען מיר אין קאַמף, אומצייליקע מיליאָנען, צורות, קאָלירן, טאָנען, קלאַנגען. מירן אויפשלאָגן, אַלע איניינעם, אונזער זאַפט און לעבן, אונזער וואַרעמען אָטעם, אַליין זיך־דערהויבן הויך, ווי די בערג, לאָזן דאָרט אין טאָל, אונטן, דעם שטראָם זיך־בייזערן, צערענען...

ביז, די זון וועט ארויס, און נעמען וואַרעמען, און שיינען איבער מענטש און גאָט אַלציינס...

*   *
*

ב. טיפן.

די קאָסמישע ענערגיע, אין איר סתירות'דיקן גערעאַנגל, עקספּלאָדירט, פּראָגרעסירט, פּראָדוצירט נאַטור־עקספּלאָזיעס, וואולקאַנען; לעבנס־עקספּלאָזיעס, געוויינלעכע; און מעכטיקע אויסברוכן, וואולקאַנישע — דעם פּירער, דעם טיפּ.

די דערשטיקטע לעבנס־ענערגיע פון אַ אונטערגעדריקטן שיכט עקספּלאָדירט אינעם פּאַרברעכער, וועמען עס טיילט אויס פון זיך דער ישוב; אינעם טיפּ, אין וועמען איטלעכער, אין געהיים, דערקאָנט זיך.

דער איינגעשטאַנענער לעבנס־שטייגער אין אַ ישוב ברענגט ארויס אפן אויבערפלאַך אזא שווערע שטיינערנע מאָראַל; די שטילע נקמה, וואָס איינער נעמט אין אַנדערן, און היט יענעם אָפּ, לאָזט נישט פּורץ־גדר־זיין...

דערפאַר, איז שוין דער פּירער, דער טיפּ פּורץ גדר פאַר אַלע. די מאַסן־לעגענדע באַשענקט אים מיט טויזנט נשים און מיט די פאַרדאָרבנסטע זינד... ער, אונזער פּירער, אַ, זאָל ער זיין געבענטשט, מאַג אַלץ... זיין

צעשטערעריש, ווי א וואולקאַן. אויסשטורעמען, ווי א ים. ער איז די נקמה פאר אונזער דערדריקט לעבן...

ביז, די מאַסע נעמט זיך ארומקוקן, מיט קנאה — וויאַזוי ער, דער פירער, האָט איר באַרויבט; ער לעבט איר לעבן, ער רווישט אוים איר בלוט... און, זי קרייציקט אים, זי פרעסט אים אויף.

עס איז די געשיכטע פונעם אנטיסאָציאַלן פירער, דער סוף פון זיין אנטיסאָציאַלער מאָראַל. אים האָט ארויסגעבראַכט די פארדאַרבנקייט פון דער מאַסע. די זעלבע פארדאַרבנקייט האָט אים ווידער צוריק פארשלונגען. און די מאַסע, דער אונטערגעדריקטער שיכט, בלייבט דורכדעם פארדאַרבן, צעשטעריש, ווי געווען; איינגאנצן איינגעזונקען אין דער אומגעצוימטער אנטיסאָציאַלער געפיל־וועלט.

ביז, די אומשטענדן דערפירן, און עס איז גובר אין דער מאַסע דאָס געזונטע געפיל פארן זעלבסט־דערהאַלט — א י נ ע ר ה א ל ב דעם לעבן. דאַן ברענגט זי פון זיך אַפער דעם אמתן פירער, דעם בעל־שכל; און ער ווייזט איר דעם וועג צו סאָציאַלער באַפרייונג; צו סאָציאַלער באַנייונג פון איר מאָראַל, וועלכע דאַרף ווערן אצינד דאָס, וואָס זי איז, זינט תמיד — שכל. איבערגעגאַנגען צו געפיל, שעפעריש־דערהאַלטנדיק באַם לעבן דעם אַלטעגלעכן.

אים הערט אוים די מאַסע, מיט קאָפּ און מיט האַרץ, איר נייעם פריינט. זי פארגלייכט זיינע רייד מיט די ווערטער פון יענעם טיפּ, דעם אויסוואורף.ביידע רעדן זיי פון דערהאַלטן איר, דער מאַסע, באַם לעבן. אָבער, ווי פארשיידן! יענער האָט גערייצט דאָס קראַנקע אומגעצוימטע געפיל מיט דער וויזיע פון אַ נישט־געשטויגן לעבן, פונוואַנען אַלע קומען, וואוהין אַלע גייען... אָט יענע לעבן איז דאָס אומענדלעכע, דאָס אייביקע, דאָס איינציקע; וואוהין מע דאַרף זיך ראַטעווען, און וואו מע דאַרף זיך דערהאַלטן... יענער האָט גערופן צו אומקום.

נאָר ד ע ר, רייצט דאָס אויג מיט דער ראשיקער פראַכט פון אונזער איינציקן דאָ־זיין, פון אונזער באַוואוסט־זיין, פון אונזער שיינער

ליבער וועלט, וועלכע מע מוז נעמען מיט כוח, באצווינגען מיט ניכטערן שכל, מיט געצוימט און נישט — פארבלענדעט געפיל; אף צו קענען זיך אין איר דערהאלטן, אין שאָטן פון איר געגוס, פון איר ליכטיקער וויזיע; ווייל, אויסער איר — וואוהין דו ווארפסט דיין אנגסטן־בליק, אף אהין, אף צוריק, איז בלויז כאָאס און אומקום.

אזוי, הערט זי דאָס אויס, די מאַסע. מיטן קאָפּ איז זי בא דעם; מיטן הארץ אָבער — בא יענעם. זי קאָן נישט אנטשיידן. ווי די מאמע, האָט געבראכט אף דער וועלט צוויי קינדער פארשיידענע, קעגנגעזעצטע, פיינטלעכע צו־אנאַנדער.ביידע קומען פון אירע געדערים אפער... און, זי איז אומבאהאָלפן.

* *
*

ג. קינסטלער.

דער קינסטלער דערהויבט דאָס לעבן צו זיין אייגענער וועלט פון קונסט. ער זאמלט אויף די צעוואָרפענע פונקן קונסט איבערן גרויסן הויפן פון לעבן, און ער איז זיי מתקן, ער ברענגט זיי צוריק צו זייער שורש. דאָס איז די הייליקע עבודה פון דעם גרויסן עובד, דעם קינסט־לער — אויסצולייזן די געפאנגענע פונקן קונסט בא דעם לעבן, זיי באַ־פרייען פון דער וועלט, אז זיי זאָלן זיך באהעפטן צו זייער קוואל, אין יענער וועלט פון קונסט.

דער קינסטלער ריכט אויף די צעשטערטע לעגענדע פון דער וועלט און פון יענער וועלט. ער אליין שוועבט אום פריי צווישן ביידע וועלטן, ווי זייער האר און באפעלער. ער באלעבט זיי כסדר מיט די צינורות־ההשפעה, מיט די וויזיעס פון זיין מארך און פון זיין הארץ. אויסער אים זענען זיי נישט בנמצא מער.

אידעאַליסטן ווילן האָבן, אַז די וועלט פון קונסט „דעגענערירט" צו דעם מאַטעריע־לעבן, וואו די אידייע־פונקן ליגן באהאלטן אין דעם חומר פון די זאכן, אונטערן הויפן פון ווערטער.

די מאַטעריאַליסטן זעען אין דער קונסט־וועלט די פאָרזעצונג פון דעם איינציקן חומר־לעבן, אַ דערהויבנס, אַ געלייטערטס און אויפגע־קלערט דורך דעם וואָרט.

ווער איז גערעכט? — די אידעאַליסטן רופן צו־הילף אונזער גע־פיל־וועלט, וועלכע זעט דעם אָנהויב פון די זאכן אין דער אידייע.

די מאַטעריאַליסטן שפּאַרן זיך אָן אינגאַנצן אָפן שכל, און ער טענה'ט איין, אַז, אויסער דעם חומר, איז נישטאָ קיין רעאַליטעט.

אַזוי, קעמפן אינעם קינסטלער געפיל און געדאַנק פאַר צוויי וועלטן, צוויי רעאַליטעטן, צוויי וויזיעס. זיי טרייסלען מיט זיין האַרץ און מיט זיין מאַרך, ער זאָל זיי דערפילן, באַנעמען און אַרויסברענגען צו דער שיין. זיי קעמפן אין אים פאַרביטערט, און איטלעכע זעט נאָר זיך אַליין.

אין פיין געבירט דער קינסטלער זיין נייע וועלט, דאָס ווערק, אין וועלכן דער געראַנגל איז פאַרייביקט.

ערשטע טייל

פון דער טיף.

אין יעדן פון אונז גייט אָן א געראַנגל איבער צוויי רעאַליטעטן, צוויי וועלטן, צוויי לעבנס. די ערשטע רעאַליטעט, לויט דער ריי, אינעם ביאָלאָגישן אויפקום, געהער דער וועלט פון געפיל, פון טרוים, פון דער פאַנטאַזיע, פון דער וויזיע. זי גיט זיך אויס אלס די איינציקע אמתע רעאַליטעט, די קדמוניות'דיקע, די אייביקע, די אורשפּרינגלעכע אידייע...

די געפיל־רעאַליטעט, אינעם לויף פון איר אויסוויקלונג, „דעגענע־רירט" אין א נייער „מאַטעריעלער" רעאַליטעט, דער אינטעלעקטועלער, אינערהאַלב וועלכער די לויטערע אידייע בלייבט „פאַרבאָרגן".

דאַקעגן, דער אינטעלעקט, דער מאַרך, אין זיין וויזיאָנערישן שפּיל, זעט אין זיין מאַטעריעלער רעאַליטעט דעם איינציקן אורשפּרינגלעכן זיין, זינט אייביק ביז אייביק; אין דינאַמיק, אין ביאָלאָגישן גאַנג, אַפּערקומענ־דיק פון דער טונקעלער געפיל־וועלט, צום לויטערן זון־אויסגוס פון קלאָרקייט.

דער געניוס, אין זיין עקסטאַז, איז דער פרימיטיווער כאַאָס־וואול־קאַן, וואָס ברעכט אריין, מיט דער „רעאַליטעט" פון דער אומגעצווימטער געפיל־וועלט, אין די רעגיאָנען פון שונא, דעם אינטעלעקט, גרייט אים צו פאַרניכטן.

אָבער, קיין זאַך מאַכט נישט אַזוי אַלט, ווי גליק. (אואיילד) איבער דער מאַכטלאָז־געבליבענער לאַווע נעמט גאָר פּרוכפּער! אַ ניי לעבן אַ שטאַרקס.

*　　*
*

דאָס געפיל, וועלכעס קומט אויף, אַדאַנק באַוואוסטזיין־דערפאַרונגען, איז סאָציאַל, ווייל עס שטאַמט אָפּ פון עם שכל, אין געראַנגל פאַר זיין וויזיאָנערישער דערהאַלטונג אינערהאַלב דער מאַטעריעלער וועלט — דער איינציקער, ווי ער וויל האָבן. ער לערנט, דאַריבער, דער שכל, זיך אויפבינדן צוזאַמען; צוימען ווילדע, כאַאָטיש־צעיושעטע אינסטינקטן; לאָזן אָרט פאַרן צווייטן לעבן זיך; איניינעם, סאָציאַל, קעמפן און צוימען דעם שונא, די ווילדע נאַטור, דעם פיינטלעבן שיכט. מיטן לויף פון לעבן, דרינגט אָט דאָס שכל'דיקע אריין אינעם בלוט, ווערט ראַציאָנעל סאָציאַל געפיל.

דאַקעגן, די פּרימיטיווע געפיל־וועלט איז בלינד, ענגהאַרציק, אומגעצווימט; דערלאָזט נישט קיינעם לעבן זיך, טיילט זיך נישט מיט קיינעם; אַלץ פאַר זיך בלויז; וויל אַלץ פאַרכאַפּן, איינגעמען, צעשטערן. זי איז אַנטיסאָציאַל דורכונדורך, די ברוטאַלע געפיל־וועלט; איז דער שונא פונעם שכל, אין זיין אייביקן סאָציאַלן גאַנג פאָרויס. זי איז די גראַוויטאַציע־קראַפט קעגן דער דינאַמיק.

*　　*
*

די געפיל־וועלט, און דער שכל, ביידע רעדן זיי וועגן דערהאַלטן דעם מענטש באַם לעבן. אָבער, ווי פאַרשיידן!

דאָס פּרימיטיווע געפיל רייצט יעדן מיט דער קראַנקער אומגעצוימ־טער ווייזע פון אַ נישט־געשטויגן לעבן, פונוואַנען אַלע קומען, וואוהין אַלע גייען... אַט יענץ לעבן איז דאָס אומענדלעכע, דאָס אייביקע, דאָס איינציקע; וואוהין מע דאַרף זיך ראַטעווען, און וואו מע דאַרף זיך דער־האַלטן... דאָס פּרימיטיווע געפיל רופט יעדן צו אומקום. אַט די רעאַ־ליטעט איז אַנטיסאָציאַל דורכונדורך. פאָלגט דער מענטש און גייט אַהינ־צו, אַזוי בלייבט ער איינגעזונקען אין דער אומגעצוימטער אַנטיסאָציאַ־לער געפיל־וועלט.

ביז, די אומשטענדן דערפירן; און, עס איז גובר אין מענטשן דאָס געזונטע געפיל פאַר זעלבסט־דערהאַלט — א י נ ע ר ה א ל ב דעם לעבן. עס קומט אויף אין אים דער שכל, און ער רייצט דאָס אויג מיט דער ראַשיקער פּראַכט פון מענטשנס איינציקן דאָ־זיין, פון זיין באַ־וואוסט־זיין; מיט דער פּראַכט פון זיין שיינער ליבער וועלט. וועלכע מע מוז נעמען מיט כוח, באַצווינגען מיט ניכטערן סאָציאַלן געדאַנק, מיט ג ע צ ו י מ ט און נ י ש ט — פ א ר ב ל ע נ ד ע ט געפיל, אַף צו קענען זיך אין איר דערהאַלטן, אין שאָטן פון איר גענוס, פון איר ליב־טיקער רעאַלער ווייזע. ווייל, אויסער איר — וואוהין דו וואַרפסט דיין אַנגסטן־בליק, אַף אַהין, אַף צוריק, — איז, בלויז כאַאָס און אומקום.

אַזוי, הערט ער דאָס אויס, דער מענטש. מיטן קאָפּ איז ער בא דעם; מיטן האַרץ אָבער — בא יענעם. ער קאָן נישט אַנטשיידן. ער איז אומ־באַהאָלפן.

*   *
*

עס האַלט אָן אין יעדן אָן־אויפהער, דער געראַנגל צווישן האַרץ און מוח, מיט זייערע איפּכאָדיקע רעאַליטעטן, זעונגען, מיט זייערע ווייזעס. זיי, דאָס האַרץ און דער מוח, פּראָדוצירן אין יעדן, אָן־אויפהער,

סאָציאַלן און אַנטיסאָציאַלן שטאָף, און פאַרוואַרפן דעם מענטשן מיט זייער פּראָדוקציע. אַלץ, וואָס זיי ביידע אַרבעטן אויס, ווערט רעדוצירט צו אומענדלעכע לייוונטן אַזעלכע, דעקאָראַציעס, מאַלערייען, וועלכע דאַרפן אים איינהילן, דעם מענטשן, פאַרבלענדן מיט דער ראַשיקער וויזיע. דאָס זענען אַנטיסאָציאַלע זעונגען פון אַלערליי רעליגיעס, די הומאַניטאַרע דיסציפּלינען, וועלכע לייקענען אין דער אויגנשיינלעכער רעאַליטעט און רופן צו אַ אַנדער לעבן, אַ העכערס; און, סאָציאַלע מוח־זעונגען, וואַגיקע, קאָנקרעטע, די עקזאַקטע קענגשטאַנדן, וואָס האַלטן דיך צו בא דער ערד, לאָזן נישט אַוועקפלאַטערן אין די רוימען.

עס פאַנגט זיך אָן דער גערענגל צווישן מוח און האַרץ און זייערע וויזיעס — פון געבוירנשאַפט אָן. די האַרץ־וויזיע, די הומאַניטאַרע, פאַרלייגט אירע אַנטיסאָציאַלע נעצן אומעטום, פאַרוואַרפט זיי אַף ווי־ווייט און ווי־טיף אינעם צעשטורעמטן ים פון מענטשנס ערשטן אויפקום פון דעם כאַאָס. זי פאַנגט פון דאָרטן אַרויס אַ מערקווירדיק געשטאַלט, אַ ליבלעכס, אַ צערטלעכס, אַ צעשמייכלטס און אַ וויינענדיקס — דאָס געשטאַלט פון אַ קליין האַרציק בעטלערל. עס לעבט, דאָס בעטלערל, עס נעמט שטעלן די ערשטע טריט, עס וואַקסט. אַליין איז עס אומבאַהאָלפן; געקומען נאַקעט און הויל, פון דער מאַמעס בויך אַפּער, אַף גאָטס וועלט; עס האָט גאָרנישט, עס ווייסט גאָרנישט, עס פאַרשטייט נישט, אָסור, עפּעס אַרום. אָבער, עס איז גליקלעך, דאָס בעטלערל, און עס הויבט אָן אַרומצוהאָפּקען אַף גאָטס וועלטל, טומלען, זשומען, פילדערן, ציען אויפמערקזאַמקייט, אָנזאָגן, אַז — עס לעבט. אַלץ גלוסט עס, עס באַגערט, עס דאַרף נויטיק האָבן, דו מוזט דעם ש ו י ן דערלאַנגען, אונטערטראָגן פון ווי־ווייט. דאָס טעלערל פון הימל, עס זאָל גלייך באַשאַפן ווערן; אויסגעשטרעקט די האַנט, עס בעט, עס פאָדערט ש ו י ן, אַנישט — וויינט עס, עס נעמט קלאָגן הויך אַפן קול, די וועלט גייט פאַר דעם אונטער...

די בעטלער־וויזיע שפּרייט זיך, פון סאַמע קינדהייט־אָן און ווייטער,

דורך זיין גאַנצן לעבנס־וועג, פון דעם מענטש. זי פאַרטונקלט זיין קלאָרע מוח־וויזיע, זיין פאַרשטאַנד. זי מאַכט איינדרעמלען זיין וואַכזאַמקייט און לויערן איבער דער געפאַר, וואָס שטרעקט זיך פון אומעטום. זי פיילט אָפּ זיין שאַרפקייט און שלאָגפערטיק־זיין, זיין אימער־באַרייטקייט צום קאַמף; און, זי מאַכט שלאַבעריק און לעפּיש־נאָכגעלאָזן זיין שטייפן מוסקל, פּונקט צו דער שעה, אַז דער שונא איז שוין נאָענט... צוואָוואָס דער קאַמף? אַז מע קאָן פאַלן פאַר דעם שונא אַף די קני, אויסבעטלען דאָס אייגענע לעבן, ווי אַ גענאָד, אַ געשענקטס זאָל עס זיין...

אַזוי, גייט ער, דער בעטלער, דורך דעם לעבן; ער האָצקעט און ער לאַכט; שפּאַרט אָן, וואו די וועלט האָט אַן עק; האָט נישט גאָרנישט; שרעקט זיך נישט פאַר עפּעס... שטענדיק גייט ער גראַדע אינדערמיט פון דעם סאָציאַלן לעבנס־שטראָם; שפּאַרט אַרויס פון אומעטום, וואו אַ דורכ־ריס, אַ לאָך; שפּרינגט אַרויס, קומט אָפּער גראַדע דאָרט, וואו עס איז ענג, וואו מע קוקט נישט אויס אַף אים, וואו מע האַסט אים, און — ער איז דאָך אימער בא דער זייט; ער פאַרבלייבט נישט קיינמאָל דאָרט, וואו ער איז; ער האַלט זיך נישט לאַנג אַף קיין פּלאַץ; ער איז נע־ונד, ער וואָגלט אומעט פון אָרט צו אָרט; וואַקסט אויס דאָ, דאָרט, אימער יונג און שיינענדיק, ווי אַ גוטינקער זיידעניו, מיט דער טאָרבע אָנגע־שטאָפּט מכל־טוב אַפּן פּלייצע, מיט דעם צויבער־שטאָק אין האַנט, שוועבט ער מיילן דורך אין דער מינוט; ער איז דאָ, ער איז דאָרט, ער איז אומעטום. ער שיינט און שמייכלט, און ער ברענגט די ברכה צו די געפאַלענע גראַדע דאַן, ווען מע ריכט זיך אַף אים אַמווייניקסטן. ער פאַלט אַראָפּ, ווי פונעם הימל, היילט און פאַרגלעט אַלע וואונדן און, פּונקט אַזוי אומדערוואַרטעט, טוט ער פאַרשווינדן פונעם אויג...

די בעטלער־וויזיע לויערט פון אומעטום; שטעקט אָפּער פון איט־לעכעם האַרץ; באַפעלט זיין לוסטיק און יונג; גאָרנישט זיך נעמען צום האַרצן, איבערלעבן אין קאַמף און אין ליידן, פאַרגעדענקען, לערנען פאַר אַ צווייט מאָל — ווען, מע דאַרף דאָס נישט; און, שטענדיק שטייט גרייט

דער נס, דאָס גרויסע וואונדער — אפֿן שוועל, בא דער טיר פֿון אַלע גלויביקע, די געפּאַלענע אין גייסט, זיי אויפֿצוריכטן מיט גליק און מיט פרייד, אז זיי קומט...

אזוי, גייט זי דורכן לעבן, די אַנטיסאָציאַלע בעטלער־וויזיע, און קנעלט איין מיט יעדן די גרויסע עובדא פֿון בעטלעריי; וויאזוי צו בעטלען בא גאָט אף לעבן און געזונט; וויאזוי צו פאַלן פאַר דער פרוי און אויסבעטלען ליבע, ווי אַ נדבה, אַ באַגליקונג פֿון הימל; און — צו בעטלען מענטש בא מענטש, און פאָדערן, צושטיין צודרינגלעך־שטאָלץ — אַז, עס קומט! — אָבער נעמען, וויפל עס לאָזט זיך נאָר אַליין; און, ווייטער גיין איבער גאָטס וועלט, מיטן שמייכל אף די ליפּן, מיטן טענצלדיקן לייבטן גענגל אין פאָרויס...

ער, דער בעטלער, האסט די ארבעט, דאָס טאָן; אַלץ, וואָס בינדט צום אָרט, צווינגט צום פּאַרקלערן איבער עפּעס, זיך־אַנשטרענגען און פּרובירן דערגרייכן, וואָס ער דאַרף, דורך ענערגיע און פאַרמעסט. ער וואַרפט זי צוריק, מיט פאַראַכטונג, די ארבעט, וואָס מע באָט אים אָן, מע וויל אים פאַרפלאַנצן אינעם לעבן, מע וויל אים געזונט מאַכן... ער, דער בעטלער, לאַכט אויס דעם לעבן; ער לייקנט אין דעם, אין דעם גאַנצן טאָן, לויפן, יאָגן, טרייבן — מיטן שכל וועסטו גאָרנישט מאַכן, דו הערסט?! — ווייט נישט אַוועק... נישט, ער איז קראַנק; און, נישט ער וויל געזונט ווערן! אָט, אזויווי ער איז, וויל ער זיין, אף אייביק פאַרבלייבן — אַ פרייער אפֿן ווינט, צו אַלע פיר עקן וועלט; גיין און שפּרייטן אומעטום זיין אילוזיע, זיין וויזיע; זיין איינציק שיין לעבן פֿון פרייד און פֿון גליק, וואָס בלייבט אימער ניי, אומגעענדערט; יונג און צוזאַמענבאַהעפט צו די אייביקע קוואַלן פֿון גאָט און פרוי, אין זייער ליבע־געזאַנג, ליבע־עקסטאַז, ליבע־זיין־און־נישט־זיין...

אָפּגעזאָגט זיינס, אזויווי דער טרובאַדאָר, אַוועקגעלייגט אַ לשון, אָפּגעדעקלאַמירט, און — ער לאַכט דיר אויס אין צורה; מאַכט אַ צונג, פּונקט ווי אַ ליץ; ער קערט זיך אום צו דיר מיטן רוקן, דאָס הייסט — ער

זעט דיך נישט מער, מיט דיין גאַנצן לעבן, מיט דיין טאָן, אַלע דיינע געבייען, אין לויף פון אומצייליקע דורות, דיין געשיכטע, דיין גאַנצער סאָציאַלער און שכלדיקער זיין...

ער, דער באָרוועס־און־נאַקעטער בעטלער, איז, צוגלייך, דער אומ־פאַרשעמט־און־שלויעסטער ליץ פאַראַמאָל, אין פּערמאַנענטן טויש פון גע־שטאַלטן, ווי־ווען עס לויט אים — אַזוי, אַז דו וועסט אים קיינמאָל נישט פאַקן, אומזיסט די מי...

...עס איז די געשיכטע פון דעם שיכורן בעטלער אין רוים; וועמען מע האָט אויפגעהויבן, מחמת אַ געוויסער נויט, אויס אַ רינשטאָק אין גאַס; אַריינגעבראַכט אין פּויפּסטס פּאַליי, אין דעם וואַטיקאַן־שלאָס; אים אַרומגערייניקט און אָפּגעפּוצט; אָנגעקליידט אין י ע נ ע מ ס לבו־שים און, אַזוי אים געלאָזן אַליין... ווען ער איז אויפגעקומען, ער קוקט זיך אַרום, מיט שטוינען. ער ווייסט נישט, אויב ער חלומט א צ י נ ד ; אָדער גאָר יענץ, פון דעם רינשטאָק, איז געווען דער בייזער קאָשמאַר...

ער גלעט אָף זיך די בגדים. ער געפינט בא דער האַנט, און ער איז טועם עפּעס גוטס. ער באַטראַכט זיך אַליין אין שפּיגל; און, עס קומט אים באַלד פאָר נישט־שלעכט, עס געפעלט אים. אים נעמט דאָס פאַרקומען, ווי דער נאַטירלעכער גאַנג פון די זאַכן...

באַלד, גייט ער אָפּ פונעם שפּיגל. ער טרעט וואַזשנע־ערנסט, ווי אַ ב ע ט ל ע ר ־ א פּ ו י פּ ס ט; ער גייט פון זאַל צו זאַל, וואו מע קניט צו אים, מע קושט זיינע טראָט; ביז, ער דערלאַנגט צו דער ביבליאָטעק. דאָ, גיט אים אַ ציפּ דער יצר־הרע — זאָל ער אַרויסנעמען אַ בוך, עפּעס לעזן... אָף וויפל ער געדענקט זיך, ווי דער בעטלער פונעם רינשטאָק — האָט ער נישט געוואוסט קיין צורת אות...

נאָר, אַז ער זעט איין, וויאַזוי ער ווייסט אויך איצט גאָרנישט — בלייבט ער נישט נתפּעל. ער קלאַפּט צו, מיט פאַראַכטונג, דאָס בוך, שליידערט עס אָפּ; און צו זיך מאַכט ער, מיט ביטול:

— נו, וועלכער פּויפּסט האָט ווען געוואוסט פון לעזן?!...

ער, דער אַנטיסאָציאַלער בעטלער, דאַרפסטו וויסן, ציט זיין יחוס פון גאָר ווייט; אזש, פון מיט טויזנטער יאָרן צוריק; פון דעם היים־ווי־געלע פון נצרת; דאָרט, וואו עס איז אויפגעקומען, אין וואונדער־פרייד און אין פיין, די גרעסטע בעטלער־וויזיע פאַר אַלע צייטן. פון דאַמאָלס אָן, דאַרף מען רעכענען, שוועבט זי דאָס אום, די גרויסע הייליקע וויזיע, איבער דער וועלט; דורך די ימים, און דורך די רוימען; אַזוי־ווי אַן עלנט געטריבן וואונדער־קינד; און, זי פירט דעם גרויסן קאַמף פאַר איר לעבן אונטער דער זון; פאַר אירע רעכט צו קיניגן אינעם מענטשנס האַרץ אפן טראָן. זי גייט אָן, אַזוי־ווי אַ בלאָנזשענדער שטערן, אַ קאָמעט; און, זי ציט זיך אומווידערשטייִלעך צום מענטשנס לעבן, אַז — עס נעמט דראָען באַלד מיט קאַטאַקליזם, מיט חורבן... זי ווערט כסדר אָפּגעטריבן — זי, די אַנטיסאָציאַלע בעטלער־וויזיע פון גאָט אין מענטש־געשטאַלט — און אָ פּ ג ע ל ײ ק נ ט ג אָ ר א י נ ג אַ נ צ ן פון אונזער פאַרשטאַנד, פון אונזער סאָציאַלער קולטור־וויזיע, אין זיגערישן פּאָרויסמאַרש... נאָר, זי קערט ווידעראַמאָל צוריק; שלאָגט־אָן אָן מענטשנס טיר, אָן זיין האַרץ, מיט הכנעה, און גוזאַנג... *)

* *

*

*) דער מחבר נעמט זיך דאָס רעכט אויסצוברייטערן די טעזע וועגן דער יעזוס־וויזיע און פּרואוון אָנדייטן, ווי אַזוי עס איז קיינמאָל נישט פאַראַן די מעגלעכקייט זי אָנצוזאָגן, אלס היסטאָרישן פאַל. מע קאָן, מיט דער זעלבער אומ־זיכערקייט, באַשטיין דאַרויף, אַז — זי איז י אָ ־ און ־ נ י ש ט פּאָרגעקומען, אין איין־און־דער־זעלבער צייט. פאַרן דמיון פון יענער היסטאָרישער גענע־ראַציע, וועלכע האָט זיך געפונען, אינגאַנצן אַ פּאַרזונקענע אין דער אַנטיסאָ־ציאַלער געפיל־וועלט — האָט זי, די יעזוס־וויזיע, אומגעשוועבט, ווי אַ אַנט־פּלעקונג פון הימל, פּאַרוויגט אין זיסן דרעמל פון וואונדער־וואָר... דאַקעגן, בלייבט נישט קיין אָרט פאַר איר, פאַר דער יעזוס־וויזיע, איבערן גרויען סאָ־ציאַלן עקראַן פון הייַנטצייטיקן מאַן פון פאַרנונפט, ווען ער בלייבט אינגאַנצן

אומעטום, וואו דו גייסט און שטייסט, לויערט זי אף דיר, די אַנטי־סאָציאַלע וויזיע. אָט, ביזטו, דאַכט־זיך, אין סאַמע צענטר פון דער גרויסער שטאָט, וואו דו וואוינסט, און דו לעבסט זיך אויס סאָציאַל, איינגעגלידערט אין קאָלעקטיוו. עס פליסט אף דיר דאָס טאָג־ליכט, די סאָציאַלע רוטין. דו ביזט איינער צווישן אסאך; א שרייפל אין א מאַשין, וואָס האלט אין גיין... נאָר, איין שפּאַן פון סאָציאַלן — קומט דאָס אַנטי־סאָציאַלע.

עס איז גענוג, אַז דו זאָלסט מפסיק־זיין, א רגע, אין דיין מוח־באַשעפטיקונג, אַ בליק־טאָן צום הימל־אַרויף, צו דער זון, — און, שוין נעמט זיך בלייכן דיין אַזוי־לויטערע ביז־איצט מוח־וויזיע, פּונקט ווי נישט געווען גאָר קיינמאָל; און דאָס הארץ צאַפּלט אויף יונג, אָ, לעבעדיק און שטאַרק, מיט עפּעס אַזאַ מין נישטגעשטויגן לעבן, אַנטיסאָציאַל און ווילד; אָבער, עס רייסט דיך פון אָרט — זיך־פארגעסן, שרייען, קוויטשען,

---

געפאנגען אין דער נעץ פון פארשטאנד — ביז א צייט... אזוי, אז ווען דו ווארפסט אים פאָר דאָס יעזוס-געשטאלט פונעם בעטלער, — וויל ער זיך אָנכאַפּן דערפאר, דער היינטצייטיקער מאן, מיטן גאנצן הארצן; נאָר, זיין מארך שטעלט זיך אוועק, אזוי ווי א לץ, א ציניקער, אינדערמיט; ער לאכט אים אויס גלייך אין צורה, דעם בעטלער; און, ער פארשטויסט אים ברוטאל אף יענער זייט פון זיין גבול...

אָבער, דער זעלבער צוגאנג דינט אויך, אלס אויפנאמע, פאר אלערליי היסטאָרישע פאקטן, אין אלגעמיין... מע דארף אייבזעען, ווי אזוי יעדער דור, אין טראנס פון אויפקום, ווערט געבלענדעט פון דער אנטיסאָציאלער הארץ־וויזיע. די לעצטע וועלקט אָפּ, אין פעריאָד פון רייפן מארש, ווען עס פעסטיקט זיך איין אין זעניט די סאָציאלע וויזיע פונעם מארך, און זי פארפלייצט אלע פלייבען מיט דעם שארף־שניידיקן זונען-ליכט פון מיטנטאָג· ערשט, אין דער שעה פון דעמערן, אז די זון פארגייט, שאָטנס טויכן-אויף פון אומעטום, — גייט דער דור־אין-דעקאדענץ זוכן שוין ווידער באם נעפל-דמיון פון פאראטענעם הארץ; גרייט, אין איינע שרעק, אויפצורייסן א ל י י ן - דאָס-אלץ-געבויעטע, אין יענע ליכטיקע טעג פון סאָציאלן גאנג פאָרויס...

שפרינגען ווי א קינד, ווי א קאַלב, ארוים פון די האַלאַבליעס, צו אַלדע טייוול מיט דער גאַנצער פאַרזיכטיקייט און געצוימטקייט, מיט די אַלע גוטע און קלוגע עצות פונעם מארך, וואָס זענען אויסן רק דיך צו דער־האלטן באם לעבן; אָבער, דערווייל האלטן זיי דיך פארשפארט אין דעם סאָציאַלן גן־עדן, וואו דו קענסט זיך נישט א ריר־טאָן, דו, אומגליקלע־כער נאַר, וואָס דו ביזט...

עס ווערט, מיטיינמאָל, איבעריק פאר דיר און זינלאָז דיין גאַנצער סאָציאַלער טאָן און זיין, ווען — עס לאָזט דיך טרוקן און ניכטער; רייסט דיך נישט מ י ט קיינמאָל; שיכורט נישט אָן דיין צעלעכצט הארץ מיט א קליין ביסעלע זאפט, גליק...

איין טראָט פון דער סאָציאַלער וויזיע... אַז דו פארלאָזט די רוישיקע גאסן פון שטאָט, און דו כאפּט זיך אריין אין א פּארק; דו פאָרסט ארוים צום ים; דו באהאַלטסט זיך אויס אין א טעאטער, אין א קינאָ; צי, דו באַגראָבסט זיך לעבעדיקערייט אין דיין צימער, אַף א טאָג, צי צוויי, לעזסט א קרעפטיק פולבלוטיק בוך, מער ווילסטו פון גאָרנישט וויסן; ווען דו אנטלויפסט הינטער דער שטאָט; צי גאָר, דו נעמסט די באן, פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, קומען צוגאסט אהיים, צו דיין קליין שטע־טעלע פון געבורט; אָדער, ווען אפילו אין שטאָט גופא, דו נידערסט אין קעלער פון דער אונטערערדישער באן, און דו פאָרסט פון איין פונקט צום צווייטן, אין רויש צווישן בלינדע ווענט; אָדער, ווען דו גייסט אום, אליין, באַדערנאַכט, דורך די טונקעלע גאסן פון שטאָט און, א מידער, קערסטו צוריק אהיים, זינקסט אין שווערן שלאָף; אָדער, ווען דיר פאלט איין נע־מען דעם עראָפּלאַן, אויפשטייגן אין דער לופט, איין קילאָמעטער העכער בלויז פון דעם סאָציאַלן קאָך, — און, עס טויכט אויף פאר דיר א ניי סודות׳דיק לעבן, אזא טייער־יונגס, א געגארטס, אַן אייביק־געבענקטס; עס רוישן בוימער דיר אין אויער און פארוויגן דיך; עס שטרעקן זיך רחבות׳דיקע פעלדער צו דיין מאַיעסטעטישן טראָט, ציען דיך אין הארץ פון דער וויזיע; ווינטלעך לינדע סאַמעטענע גלעטן דיך, קושן און האלזן

דיך, לאָזן דיך שווין מער נישט אָפּ; ווינטן מעכטיקע, ברייטהאַרציקע, טיפּברוסטיקע, אומגעצווימטע און צעכוואַליעטע; דוכט־זיך, אומענדלעכע, ברייט־ימ׳ישע און לופט־רוימישע כאַפּן דיך ארום: — וואו ביזטו געווען, פאַרלאָרענער מענטשנס־קינד?!... — טיקן דיך אונטער אין בלוטיק־קאָכיקן שטראָם; דערהויבן דיך צו צעפלאַטערטע עלנטע הויכן; וואו אויפגעראשטע וויזיע רעדט צו דיין האַרץ אַף טויזנט לשונ׳ס, דורך צימבל, טראָמפּייט און פייף, דורך וואָר און אין חלום, אין רעש און אין שטילקייט, אין דעמערן און אין באַגינען, שרעקן און מאַניען דיך באַגלייך; מאַכן ברייטער דיין בליק, פון חידוש און גליק, און צעכראַסטעט דיין האַרץ, ווי אַ גאָט־געבענטשטער באָדן, פאַרן אויפנעמען די זריעה, גנאָד, די נייע ליכטיקע וויזיע פאַר דיין איינציקער לעצט־געאַנטער פרייהייט...

דער מאַן פון דער סאָציאַלער שטאָט איז מיד, עלנט. ער שפּירט זיך געפאַנגען און דערדריקט אינערהאַלב דער געדיכט־פאַרשפרייטער נעץ פון דער קולטור־וויזיע, וואָס ער אַליין העלפט שמידן אָן־אויפהער — קעגן זיין ווילן. ער וואָלט וועלן צעשטערן אַלץ ארום זיך; נאָר, ער בויעט און פאַרבויעט אַלץ מערער. ער וואָלט וועלן צערייסן די קייטן, וואָס האַלטן אים געפענטעט; אָבער, ער מאַכט אַזוי, אַז זיי שטיקן אים נאָכמער. דער מאַן פון דער סאָציאַלער שטאָט איז אומגליקלעך. ער, דער נאַר, האָט זיך אַליין פאַר׳מישפּט צו לעבנסלענגלעכער תפיסה; און אַלץ אויפגעבויעט, איינגעשטעלט אַזוי פערפעקט, די שמירה. די שטרענגע דיסציפּלין, — אַז, ער קאָן דאָס מער נישט איינוואַלגערן, ניין.

אָבער, ער גיט זיך נאָך נישט אונטער. ווען אַפילו אויסערלעך איז ער רואיק, געלאַסן גייט אין שפּאַן, — גראָבט ער אָבער אין דער טיף, כסדר, אומדערמידלעך; ער לויערט פאַרשפּיצט, ער איז וואַכזאַם, ער פאַרלייגט פּלענער, ער טראַכט, ער זוכט, ער נישטערט אין אַלע עקן, ער קוקט אויס די שעה, די מינוט, אַז מע זאָל קאָנען דערלאַנגען אין ערגעץ אַ קלאַפּ — אַ שרעקלעכן כמאַליע אַזאַ אין סאַמע האַרץ פון דער סאָציאַלער וויזיע, אַז זי זאָל בלייבן געליימט, פּאַראַליזירט, טויט.

דער געפּענטעטער סאָציאַלער מענטש איז געפערלעך. ער איז רעבעל.
ער גיט נישט אויף זיין טרוים וועגן פרייהייט, זיין טיפע אינערלעכע אַנ־
טיסאָציאַלע וויזיע, וואוהין ער לאָזט קיינעם נישט צו; וואו ער בלייבט
יוגנטלעך־פריש־אומבארירט. ער פארבלאָנדזשעט, אין דער שטיל, אין גע־
היים, מיטן הארץ, און אַף־אַן־אמת, אין אַלע אָפּגעלעגנסטע שאָטנווינק־
לען, קעלערס און רינשטאָקן פון דער גרויסער שטאָט; דאָרט, וואו דער
אָפּפאַל, וואלגערט ער אַנידער, אין שוים פון זיין פּרעכן, נאַקעטן, צעיור־
שעטן, אָבער י ו ג נ ט ל ע כ ן גענוס; און שטשירעט די ציינער פון
אָבשיילעכער בעסטיע, פאר שאָדנפרייד, אז — דער טאָג דער גרויסער
וועט קומען, און דער קרעבס פון דאַנעט וועט זיך דערהויבן, אויסשפרייטן
איבער דער פון־גאָט־פארהאסטער שטאָט, זי פארצערן, אומברענגען...

אָבער, אויך אין דער שטיל, אין געהיים, מיטן הארץ און אַף־אַן־
אמת, — פארבלאָנדזשעט ער דאָרט אהין, צום וואלד און פעלד, ווי גע־
זאָגט; ווייט, פארוקט, אויסער דער סאָציאַלער שטאָט; וואו ער גיט זיך
אָפּ דער אנטשפּאַנונג, דער אויפלייזונג, באפרייונג. ער וואלגערט אַנידער
אין שוים פון דער אַנטיסאָציאַלער וויזיע, גיסט אויס זיין הארץ אין גע־
זאַנג, ווי א פויגל אין לופט, אף די בוימער, שוועבט צום הימל; ער ברומט
אויס, ווי א לייב, פון דער טיפער ברוסט ארויס, זיין רוף צו מאכט און
באהערשן... ער גייט אהין אליין; און, ער פארבלאָנדזשעט, צוזאמען מיט
זיין יוגנט־פריינטן; ער פארקוקט איר טיף אין די בלויע בליקן, ווי דער
הימל; אין אירע שווארצע אפּלען, ווי די נאכט; ער זינקט אין זייער ווי־
זיע, אז ער גיסט זיך אויף מיט איר געשטאלט... א געלייטערטער, קערט
ער אום צוריק אין שטאָט. ער ברענגט מיט זיך — אָ, ער לאָזט עס נישט
איבער, דאָס געזאנג צו וואלד און הימל, צו בלויע הימל־בליקן, צו שוואר־
צע נאכט־אפּלען. עס באגלייט אים דאָס געזאנג דאָ אומעטום; ווארעמט
זיין הארץ, באהויכט זיין שמייכל, זיין פארנעפּלטן קוק אין דער ווייט...
ער איז דאָ און דאָרט פאראמאָל. ער זעט דאָס אלץ אזוי קלאָר; און, קיי־
נער איז נישט אינשטאַנד עס בא אים אָפּצונעמען... אָ, זיין גרויסע הויי־

ליקע ווייזיע איז מעכטיק. זי קומט צו אים פון פרייען וואלד און פעלד. זי שפרייט זיך, ווי אַ קריכנדע שמעקנדע פלאַנץ, אין דער שטיל, אין געהיים, דערלאַנגט אַזש ביז אַהער, שפּאַרט אַדורך גרויע תפיסה־ווענט, רייסט אים אויף פון זיין פאַרשטאַרטקייט, דערלאַנגט אים דעם גאָט־געבענטשטן בשמים־ריח, מינטערט אים אויף פון חלשות; אָ, זאָל ער אויפלויכטן פאַר גליק... זאָל ער גלויבן, און וואַרטן — דער טאָג פון באַפרייונג איז אונזער...

ער, דער מאַן פון דער סאָציאַלער שטאָט, איז איבערפולט מיט בענקשאַפט, מיט אומרו, מיט פאַראַט. ער גיט נישט אויף קיינמאָל זיין געהיימע פינצטערע פאַרשווערונג. אַוואו — אומדירעקט, אַוואו — אוממיטלבאַר. ער גייט אום, ווי אַ פאַרשטעלטער בלויז, אַ טאָפּעלער, מיט צוויי לעבנס אין זיך; דער מאַן פונעם טאָג, און דער — פון דער נאַכט...

עס איז געגוג, אז עס גיט דיר אַ לויף אָפּ די רוטין פון באַטאָג; און די שטאָלענע לונג פון דער סאָציאַלער שטאָט פאַנגט אָן אויסצוכראַקען די מענטשן־מענגע אַף אינדרויסן אַרויס, — אַזוי, זאָלסטו קיינס נישט דערקאָנען מער. מענטשן ווערן פאַרענדערט אַפן אויגן־בליק. אויסגעגלייכט די אָפּגעשטאַנענע גלידער, צערייצט דער בליק, דער גאַנג. אַזוי — דער יונגער מאַן, פול מיט קראַפט און שוים, זיצט נאָך פעסט אין זאָטל, בייטשט און טראָגט זיך, כסדר, אַ צעבריקעוועטער, מעשה ליץ און שקאָצעוואַטע, אַהין, אין לאַנד פון ווייטער־נאָענטער ווייזיע, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — אין זיין לאַנד פון אַלע מעגלעכקייטן... — אַזוי — דער האַלב פאַרצערטער מיטעלער מאַן, אין די יאָרן די פערציקער, וועלכער נעמט שפּירן דעם באָדן אונטער זיך, אַז ער וואַקלט זיך; אַז, ליידיק און הויל ווערט זיין גאַנצער לעבן, ביז אַצינד; טויטגעפריר, און עקלהאַפט; אַ געמיינער ליגן, אַ נידערטרעכטיקע טאַט איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן איבער אים, אַ פאַרברעכן איז מען איבער אים באַגאַנגען, מע האָט אים גענאַרט מיט נישטגעשטויגענע מיראַזשן, אילוזיעס... טוגנט, און ערנווירדיקע טואונג... ביז, מע האָט בא אים זיין לעבן אויסגעשטוילט, זיין זאַפט און זיין

פרייד, זיין איינציק גליק; אליין אים געלאָזן אצינד, אָן אויסגעשפּעטן בעטלער איבער די וועגן... ער זעט ערשט איין אצינד, מיט גרוילהאפטער באשיינפערלעקייט, אז — אליז־דאָס־זיין־ביז־איצט־אָפּגעלעבטע איז א נאַרישער וויסטער חלום. אָבער, איצט קערט אום צו אים די דערוואכונג...

ער, דער אָפּגענארטער מיטליאָריקער מאן פון דער סאָציאַלער שטאָט, איז צעמישט, פארלוירן, צערייצט. ער איז געפאנגען, געפּענטעט אין די הענט פון זיינע פּייניקער; וואָס האָבן אים אויסגעזויגן, ביז איצט, האלב פארצערט; געלאָזן שוואך און קליין, אומבאהאָלפן און קאָמיש; ווי א קינד. אז עס צערנט... אזוי מיינען זיי. אָבער, מירן נאָך זעען...

ער, דער מיטעלער מאן, ווערט איצט גרויזאם אין זיין נקמה... מיט איינעם אזא וועלן מיר זיך איצט אָפּגיבן; מירן אים נאָכגיין כסדר, באַטאָג, באנאכט, אומעטום; און, מיר וועלן פאָרשן זיין פארגאנגענהייט, זיין געראנגל, זיין לעבן...

צווייטע טייל

שדים אינעם ווייסן הויז.

ווען מען זאָל פרעגן, וואָלט זיכער קיינער ניט געדענקט, ווען דער מענטש איז געקומען אהער. אפילו ער אַליין געדענקט שוין אויך ניט גע־נוי. ער האָט זיך דאָ אזוי איינגעלעבט, אַז אים וואָלט גאָר נישט גע׳־חידוש׳ט, ווען עמיצער וואָלט אים אָנגענומען פאר א הי־געבוירענעם. זיי־נע זיטן און מאנירן זענען אזוי עכט־גרויסשטאָטיש; זיינע געדאנקען און טרוימען זענען אזוי פארטאָן אינעם אויפאקערן דעם נייעם באָדן, צו וועלכן ער איז אזוי דורשטיק צוגעפאַלן, — אַז עס וואָלט זייער שווער וועמען געקענט איינפאלן, אז דער מענטש האָט אמאָל א אנדער היים געהאט, וואו ער האָט, זאָל זיין־אַף א אנדער אופן, אויך שלעסער געבויעט.

ער, דער מיטעלער מאַן, איז געקומען אהער, אַן איבערגעלאָדענער מיט יוגנט. א ענערגישער, א שטאלטנער. ער האָט, האסטיק־אזוי און אימפעט־פול, אָפגעבראָכן מיט זיינע וויזיעס פון דער אַלטער היים, פון דעם אַלטן שטעטל. ער האָט דערזען פאר זיינע אויגן א נייע שיינע ליכטיקע וועלט, דאָ, אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט אים געזען אויפקומען פאר זיין דמיון, דעם נייעם ליכטיקן מיראַזש, וועלכער האָט בא אים געשפאַרט שוין פון אַלע זיינע גלידער, נישט געלאָזן רוען; און, א יונגער, א לוסטי־קער, האָט ער זיך געלאָזן מיטטראָגן.

זיי, אַז די יאָרן זענען געגאנגען, און גאָרנישט האָט פאסירט מיט

איס אזעלכס, — זענען זיי זיך געגאַנגען א. א. וו. פונקט ווי מיטן רבי'ן אלימלך. ער האָט, אונטערדעסן, מיט דער צייט, אויפגעשטעלט אַ צוויי־שטאָקיק שטיינערן הויז, אויף אַ שיינעם פּונקט, אינדערמיט שטאָט. ער האָט עס געבויעט לויט זיין געשמאַק נאָך; לאַנג נאָכגעזוכט, ביז ער האָט אויסגעשטעלט דעם מאָדעל, געזאָגט — אזוי וועט עס זיין... ער האָט עס געזען גאַנץ אין דמיון, אַ וויים, אַ הויכס, (בעפאָר נאָך עס האָט גענומען אפּערקומען פון דעם הויפן מאַטעריאַלן און — עפּעס יאָ און נישט דערמאָנט אָן זיין וויזיע פון אינערן — איצט, אויף דער וואָר...) דאָך, באַלד, באַם באַטרעטן דאָס הויז, צום ערשטן מאָל; האָט ער זיך דערשפּירט דערשלאָגן, דערשעפּט, ווי אויסגעלייזדיקט פון אַ טיפער אי־ניקסטער געהיימניש. אַ זעלישער וויזיע, אַ קינד פון זיינע געדערים, בלוט פון זיין בלוט; וועלכעס האָט, ביז איצט, געזויגן בא אים, דאָרט אונטער זיין האַרץ, פון זיין מאַרך, זיין חיות, אָבער — קיינער, קיינער האָט נישט געאַנט דאַריבער. ביז, עס איז נישט געקומען די שעה פון אַנט־פּלעקונג פאַר דער וועלט, פון געבערן; און, עס האָט אַ שפּאַר געטאָן, מיט קראַפט, פון זיין אינערן, זיך־אָפּגעטיילט פון אים, ארויס אויף דער ליכטיקער שיין; וואו, עס נויטיקט זיך נישט אין אים מער; עס איז באַ־העפט צו זון, הימל און ווינט, צום טאָג און צו דער נאַכט; עס לעבט, עס וואַקסט, עס גרויסט זיך איבער אים; און — עס שרייט אויס פאַר דער וועלט, מאַכט צונישט זיין טיף־בלוטיקן סוד פון דער יוגנט, זיין חלום, זיין גאַנץ לעבן...

אצינד, האָט ער זיך געשפּירט קליין און נישטיק, אין שאָטן פון זיין גרויס ווערק, וועלכעס האַלט אים פעסט צו, אַ געפאַנגענעם, לעבן זיך; אליין אָבער — לעבנדיק פאַר־זיך, אומאָפּהענגיק, פריי... און, ער האָט געפּרואווט שלום־מאַכן דערמיט, ווייל — נישט־האָבנדיק קיין אויסוועג. נאָר, ווען די יאָרן זענען געגאַנגען אליין, און גאָרנישט האָט פּאַסירט, אונטערדעסן, אזעלכס, — אזוי, גיט מען זיך אליין נישט קיין חשבון, ווען מע שטייט, צי מע גייט; ארויף, צי אראָפּ; וואו מע איז...

אזוי איז די יוגנט אַריבער, דער ברען, די כוחות.

דער מאַן פונעם ווייסן הויז האָט עס אַליין באַוואוינט, אמת, פון אונטן ביז אַרויף. ער האָט אָבער ליב־געהאַט תמיד זיך צו געפינען אין אויבערשטן שטאָק, מיט זון אַסאַך, און וואו עס איז גרויס דער אויסקוק אויף דער שטאָט... אַזוי, פלעגט ער אײנ׳טענה׳ן מיט זיך אַליין. נאָר, אין דער אמת׳ן, האָט ער געוואוסט עפּעס אַנדערש. ער איז דאָך געקומען אַהער מיטן געדאַנק צו וואַקסן, זיך־דערהויבן; און, ער האָט ליב־געהאַט צו שטייגן, איבער די טרעפּ פונעם גרויסן הויז, העכער אַלץ; פון אונ־טערשטן שטאָק, ביז צום אויבערשטן און, גאַנץ אָפט, אַרויף ביז צום דאַך. דאָרטן, האָט ער געטראָטן פעסט, זיכער; און, עס האָט אים געגומען פאַרקומען, אַז — ער באַהערשט ווידער דאָס ווערק פון זיין לעבן, מיט וועמען ער האָט זיך פאַרמאָסטן אין קאַמף, עס צו צווימען; ער געפינט זיך איבער דעם, און ער באַפעלט פון אויבן ביז אַראָפּ. ווען ער אַליין וויל נאָר, אַזוי לאָזט ער עס איינוואַלגערן אינגאַנצן — ווער וועט אים שטערן?

און, אַ באַרואיקטער עטוואָס, אַ זעלבסטזיכערער אין זיין מאַכט, פלעגט ער צוריקקערן אין די אַפּאַרטאַמענטן פון אויבערשטן שטאָק, וועל־כער איז געזיצן פעסט אויפן קאַרק באַם אונטערשטן שטאָק; און, וואו ער אַליין, דער האַר, האָט זיך געפילט רואיקער, הגם — עטוואָס פרעמדלעך. דאָ, די אויסשטאַטונג אין די צימערן און זאַלן האָט אין גאַרנישט דער־מאָנט פון זיין יוגנט אַמאָל, פון זיין היים־געבורט, פון זיין שטעטל. אַלץ איז דאָ געווען ניי, לעצט־מאָדערן, אינגאַנצן איינגעפּאַסט אין רעם פון גרויסשטאָטישער דינאַמיק.

עס איז אָבער געווען נענוג, אַז ער זאָל זיך, מיט די זעלבע טרעפּ, אַרונטערלאָזן צום אונטערשטן שטאָק, און — באַלד האָט ער זיך דער־פילט נישט דאָס, עפּעס אַנדערש... עס איז אויפגעקומען אין אים דער אָנ־בליק פון זיין שטעטל, אַוואו כמעט אַלע האָבן געלעבט אָרעם, ווי די בעטלער, אין קליינע איינגאַרנדיקע הייזער; און ער אַליין, מיט זיינע

לייט, משפּחה — אין אַזאַ שטיבל, ווי אַלע, ענג, שמוציק, ווי די בהמות...
ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון דאָרטן; ער איז אַנטלאָפן פון די
בעטלער, פון אָרעמקייט און שמוץ — אין דער ווייטער וועלט אַריין,
דערלאַנגט אַהער, אין דעם פרעמדן לאַנד, וואו ער האָט זיך נישט גע־
האַיעט, באַלד נישט פאַרלוירן קיין צייט, זיך־אַריינגעוואָרפן אין דעם
קאָך פון אַרבעט, פון טאָן. ער האָט אפילו אָפּגעבראָכן, באַלד פונעם אָנ־
הייב, מיט אַלע נאַרישע געפילעכצן פון בענקען, ווי אַנדערע, צוריק אהיים,
צו אייגענע, צו יוגנט־חברים, צו פריינט... נישט אַף דאַרויף לויפט מען
אין דער וועלט אַריין, אַז עס זאָל טאָרען אַף צוריק... ער האָט דאָס אַלעם
אָפּגעלאָזן אַפן וואַסער, פאָרנדיק איבערן ים אַהערצו; זאָל עס שווימען
אַף צוריק אַהין, פונוואַנען עס איז געקומען, אים נאָכגעלאָפן, דעריאָגט.
ניין, אַ דאַנק. ער נויטיקט זיך נישט אין דעם מער. אַדיע... ער, אַ
מיטיינמאָל־פריגעוואָרענער, לוסטיק־און־לעבעדיק, אַזאַ לייכטער פּאַסאַ־
זשירל, — האָט דעם נאָכגעקוקט, זיין נעבעכדיקער בענקעניש, ווי עס דער־
ווייטערט זיך פון זיין אויג און פון זיין האַרץ, ווי עס זינקט אין דער טיף
פון ים, און — ער האָט זיך הויך און קלינגענדיק פונאַנדערגעלאַכט...

...הלמאי דאָ אפילו, איז ער נישט געגאַנגען קיינמאָל, ווי אַנדערע,
זוכן אייגענע, פונדערהיים, אויב עס זענען דאָ אַזעלכע... נישטאָ קיין
צייט דערפאַר, מיין האַרציקער. אַן אַרבעט פאַר ליידיקגייער, זיך־אָפּגיבן
מיט האַרץ־ווייי, מיט געפילן. מיט דעם ווייסטו ווייט נישט פאַרפאָרן...
ער איז געקומען אַרבעטן, טאָן, דערגרייכן, און — זעט, וואָס ער האָט
באַוויזן, אין בלויז געציילטע פאָר יאָר!... ער האָט גרויס צוטרוי געהאַט,
פון תמיד־אָן, צו זיין שכל, פאַרשטאַנד. דאַרומער, האָט ער נישט גע־
וואָלט פאַרבלייבן מער דאָרט, אינעם קליינעם שטעטל, אַ בעטלער צווי־
שן אַלע; אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויך. אָבער, וועגן
דעם רעדט מען נישט. נישט דאָס איז דער עיקר... ער א ל יי ן האָט
טאַקע דאָרט נישט געוואָלט פאַרבלייבן; איינדאַרן, פונקט ווי אַלע; ווייל,
עס איז נישט געווען קיינמאָל, אַף וואָס אָנצואַווענדן זיין ענערגיע, טאַ־

לאנט... איצט אָבער, האָט ער איבערגעריסן מיט דעם. ער איז רייך און שטאַרק; ער איז קלוג, און — ער לאַכט אויס זיין שטעטל; ער שפּאָט עס אויס!...

אזוי איז ער אומגעגאַנגען איבער די רחבות'דיקע צימערן און זאַלן פון דער אונטערשטן שטאָק; וועלכער האָט, מחמת עפּעס, (א פנים, מיט דער איינשטאָקיקייט אַליין אפילו) אין אים כסדר גערייצט דעם היים־נערוו; און, ער האָט געפיבערט, געציטערט. ער האָט נישט אויפגעהערט אַפּעלירן, אָבער־און־ווידעראַמאָל, צו זיין לויטערן געדאַנק, וואָס האָט אים געמאַכט ארייננוואַקסן אהער, אין דער גרויסער סאָציאַלער שטאָט, צוויי־שן אַסאַך אזוינע פיינע שכל'דיקע ברואים, ווי ער אליין איז, רייכע און שטאַרקע; וואָס האָבן — זיכער, אַלע כמעט, אָנגעהויבן פונעם אָנהויב, פּונקט ווי ער; פאַרוואָרפן אַלע בעטלערישע קראַנקע אילוזיעס פונעם שטעטל, פון דער היים, יושר, רחמנות, גערעכטיקייט — עס איז שעד־לעך, ווילד־פּרעמד, אנטיסאָציאַל, פאַנאַטיש; עס קלעבט זיך גאַרנישט דאַ־אַהער, אין דער גרויסער שטאָט, צום ברייטן שכל'דיקן שוואונג און פאַרנעם; צום אויפשטייג און צום קאַמף, צווישן זיינס גלייכן, פאַר — ווער העכער, שטאַלטנער, מעכטיקער...

ער האָט איצט פאַרגעבראַכט, אין זיין דמיון, אָפּגעריסענע בילדער, געשטאַלטן פון דער היים; און, עס איז אים אַליין פאַרגעקומען נאַריש, גראָטעסק, עקזאָטיש, פאַלש און ווייט; עפּעס ווי געליימט, פאַרשטייפט, פאַרקאַלעכט, אומבאַלעבט, אומבויגזאַם; אַזוי ווי מעכאַניש און טויט, — אַז עס לעבט גאַרנישט אָט יענע אַלץ פאַר דער גרויסער סאָציאַלער שטאָט, מיט איר מעכטיקן פּולס און טיפן ריטמישן לעבן... עס איז אים פאַרגע־קומען, אזוי ווי אַ וויזיע, דאָס אַלעס; אַ ווייסטע פאַרבלעדזעניש; אַ פאַר־טייעטער זגעגאַר, וואָס פאַרטומלט, פאַרדולט אַ מוח — נישט צום ווי־דערשטיין... בלויז מיטן לאַכן וועסטו דאָס אָפּיאָגן, אויסשפּעטן, אַרונ־טעררייסן ציניש, ברוטאַל — אַזוי ווי זיי אַליין קאָנען דאָרט אַלע, אינעם ווייסטן שטעטל, באַלעצוועזן; מאַכנדיק איינס דאָס אַנדערע אויסצור־דרייען...

און, עס האָט פּאַסירט מיט אים דאָס אומגלויבלעכע. ער, דער גרויסער שטאַרקער מאַן פון דער סאָציאַלער שטאָט, האָט זיך פריער גוט ארומגעקוקט, אויב עמיצער לויערט נישט... ניין. ער איז געווען איצט א יי נ ע ר א ל יי ן איבערן גאַנץ־גרויסן אונטערשטן שטאָק. אהער פלעגט זעלטן ווען פון די זייניקע פאַרבלאָנזשען. דאָ, אין די צימערן און זאַלן, איז געווען טונקעלער, ווי פונויבן. אויך די אויסשטאַטונג איז דאָ געווען באַשיידענער און שטילער... ער איז געבליבן אומגעשטערט...

—...אהער, אין דעם איינעם גרויסן זאַל בלויז, וואָלט פריי געקאָנט אריין זיין גאַנץ שטעטל, מיט אַלע מיני בעבעכעס, מיט די לצים, און מיט די בעטלער — אָ, עס איז נישט אויסצוהאַלטן!...

און, דער פרעמדער מאַן האָט גענומען שפּילן טעאַטער. ער האָט אָנגענומען פאַראַמאַל, געטווישט אַלע מיני מיתה־משונה'דיקע צנאָטעס. ער האָט זיך געקאָרטשעט, געוואָרפן, אויסגעצויגן, פאַרקיילעכט; זיך־געבויגן ביז צו דער ערד; אויפגעשפּרונגען ווי אַן אַרלעקין; זיך־געצויגן ארויף. עס האָט, ווי געשפּאַרט פון אים, ווי פון א עפּילעפּטיקער; געכאָרכלט מיט ספּאַזם, מיט געלעכטער, מיטן געוויין; אָט, ווי א קליינשטעטלדיקער ליץ, א צעדרייטער, א האַלב־משוגע'נער; אָט, ווי א שנאָרער, א געברענטער קאַבצעניוק, א ציטערדיקער, אַן איידעלער; א נכנע אזא, א שפּל'דיקער; וואָס האַלט אויסגעשטרעקט די דלאָניע, וואָס זינגט אוים, וואָס בעט...

ביז, ער האָט זיך פאַרקייכט, דער פאַרשטעלער; מיטיינמאָל אָפּגעהאַקט, אין איינע שרעק; שוין גענומען קומען צו זיך. א קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן. שטיל, אױף די שפּיץ־פינגער, איז ער צוגעקומען צו דער טיר, א פּרואוור־געטאָן — פרייער אָפּגעאָטעמט. דער שלאָס איז געווען צו... ער האָט ארויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן; אָפּגעוואַרט א ווײַלע, ביז ער האָט ערשט צוריק גענומען דערשפּירן דעם אייגענעם האַרץ־קלאַפּ... (אָט, א פּנים, דער מאַן פון דער גרויסער שטאָט ליידט פונעם האַרצן.) ער האָט זיך אָפּגעגלעט, צורעכט־געמאַכט. אויפגעשלאָסן;

זיך געלאָזן גיין, ווי קיינמאָל גאָרנישט, מיט שווערן געמאָסטענעם טראָט, ארויפצו, צו זיך, אין די אויבערשטע אפּארטאמענטן; וואו עס האָט גע־וואַרט אף אים, ווי תמיד, די ארבעט.

*　　　　　*

...געוואוסט האָט ער, דער פרעמדער מאַן; אַט־אַזוי־נישט־אינטערע־סירנדיק זיך, אמת, דירעקט — אָבער, פון הערן, דערגיין, פון וועלט־ידי־עות; אַז דאָס שטעטל זיינס — דאָרט, אין דער ווייטער היים, עקזיס־טירט שוין לאַנג נישט. אַ פּנים. עס זענען, פאַר דער צייט, אריבער דאָרטן שטורעמס גרויסע, פארפלייצונגען — יאָרן פון מלחמה, רעוואָלוציעס. דער שטראָם, אודאי — מען קאָן זיך משער־זיין — האָט געמוזט ארונ־טעררייסן דאָס קליינע פּיצינקע קינדער־מעשה׳לע, דאָס שטעטעלע זיינס, מיט די שטיבעלעך איינגעגליווערט, ווי די קאַרטינקעס אינדערמיט; עס ארונטערגעשווענקט, מיט האַסט און געפּילדער, צעפּאָרן, צעטראָגן, נישט געלאָזן קיין זכר; אַט, פּונקט ווי דו דערוואַכסט פון אַ חלשות, רייבסט אויס די אויגן, קוקסט זיך ארום — אַ שווערער חלום בלויז געווען; דאָס לעבן יאָגט, מיט שטורעם, אין פאָרויס...

און דאָך; קומט אים פאָר, אצינד; ווען ער פארהאַלט זיך, אַ ווײַלע, אין זיין טאָן; ער באַקלערט זיך גוט, אַז ער שטעלט אָן דעם דמיון אהינ־צו; אַז ער טראָגט זיך אריבער צו יענעם מקום, —

...אַזוי דערזעט ער באַלד אַלץ, ווי געווען, אף זיין אָרט.
עס שטייט דאָס טייערע האַרציקע שטעטל אומבאַרירט.
קיין שטורעם אין דער וועלט איז נישט געווען אינשטאַנד
עס צו רירן פון אָרט.
אַלץ בלישטשעט, עס שיינט, עס שטראַלט אויס, קינדיש־שיין,
תמימות׳דיק און מלא־חן;

אזוי, אַלט און יונג פאַראמאַל,
ווי די מאַמע אַלציינס;
די יוגנט־פריינט,
די חברים,
די חבר'טאַרנס...
צווישן זיי, א יי נ ע אַזאַ געווען,
ליכטיק־שטיל און פרום, ווי אַ קינד...
אירע אויגן, בריליאַנטן צוויי,
וואָס שיינען אין דער נאַכט...
...אַ, ערשט אצינד, אז ער לאָזט זיך גיין, מיט זיי צוזאַמען,
איבער די שטעטלשע געסלעך, איצט ווי אַמאָל—
אזוי, גלייכט ער אוים די פּלייצעס,
הויבט אויף דעם קאָפּ,
יונג־צעפלאַטערט ווי געווען...
אַלץ, וואָס ער זעט, צינדט אין אים זיין בלוט, דעם בליק.
שווערע משאות אנטפאַלן פונעם קארק ארונטער —
אַ בייזער וויסטער פרעמדער חלום איז דאָס געווען;
אַ קאָשמאַר פון שטאָט און פון תאוה;
פון ווילדער ברוטאַלער קראַפט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין זיין בלוט,
אים אויסגעברענט, געפייניקט, געיאָגט,
ארומגעטריבן אין טייפלשן געשפּאַן, ביז זעלבסט־אומברענגג, פאַר־ניכטונג;
ביז — עס איז נישט געשען מיט אים דער נס, דאָס גרויסע גליק,
וויאַזוי ער האָט דערוואַכט פּלוצים,
ער האָט זיך אַ ריס־געטאָן מיט אימפּעט,
מיט זיין לעצטן ביסל ווילן — אַ, ער איז פריי...

און, דער מאַן פון דער גרויסער שטאָט האָט אויפגעשווידערט... ער האָט זיך אַליין ווידעראַמאָל געפּאַקט בא דער האַנט... ער האָט זיך ארומ־געקוקט... דאָס מאָל, גראַדע, איז דאָס געווען אין די אויבערשטע אַפּאַר־טאַמענטן, וואו ער איז נישט געווען אַליין... צום גליק, האָט קיינער אין זיין זייט נישט געקוקט. דער ריטם פון דער אַרבעט האָט געהאַלטן אַלע־מען איינגעוויגט אין זיך...

...עס האָט אים אָפּגעגאָלטן, דאָס מאָל. נאָר, אַף ווייטער, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיקער...

און, ער האָט זיך צורעכט־געמאַכט; אויפגעהויבן פונעם פּלאַץ, גע־מאַכט וואַזשנע און דורכגעשפּאַצירט אַף אַהין און צוריק, לעבן זיין טיש. ער האָט באַשלאָסן אַנצונעמען שריט.

* *
*

פון יענעם מאָל אָן, איז ער געוואָרן אַן אַלץ־זעלטענערער גאַסט אַהין, אין די אונטערשטע אַפּאַרטאַמענטן... אמת אפילו, ער אַליין גע־פינט אויס, אַז מיט אים האָט גאָרנישט פּאַסירט אַזעלכס, מערקווירדיקס, וואָס מע דאַרף דעם שענקען אויפמערקזאַמקייט, מאַכן אַ וועזן דערפון. נו, איז גוט. און, וואָס ווייניקער ער וועט זיך גריבלען דערין, — אַלץ גלייכער פאַר אים; און געזינטער אויך. ער וועט פאַרטאָפּלען דאָס טאָן, די אַרבעט. ער איז נישט קיין אינגעלע, קיין שנעק, אַז ער זאָל זיך לאָזן פירן פון נעבכטיקע טעג! ער האַלט ערשט איצט אין סאַמע ברעזן; אין פלאַטער פון זיין לעבן. וואָס אַ טאָג, אַז ער קוקט אַרויס, דורך די פענצ־טער פון די אויבערשטע אַפּאַרטאַמענטן, צו דער שטאָט, — אַזוי עפענען זיך פאַר זיין בליק, און עס זעטיקן דאָס אויג זיינס, נייע, גאָרנישט־באַ־מערקטע ביז איצט, פּאַנאָראַמעס; שטרעקן זיך פאַר אים, ער זאָל אַרויפ־לייגן זיין האַנט אַף זיי, זיי נעמען... — וואָס? — זיין לעבן פאַנגט זיך ערשט אָן!

און, אַזוי האָט ער געטאָן. זיך פאַרגראָבן אין דער אַרבעט ביז זעלבסט־פאַרגעסונג; ביז, זיך האָבן־אויסגעטאָן פון זיך אינגאַנצן...

נאָר, ווען די צייט איז אַלץ געגאַנגען; האָט זיך גענומען מאכן פּלאַץ אין זיין מוח, ווידעראַמאָל, (און, אינערהאַלב דעם טאָן,) פאַר אַלערליי מחשבות, נאָכדענקען...

...נו, ריכטיק. איצט האָט ער קיין מורא נישט מער פאַר יענע איבערפאַלן פון ווי־לאַנג; צוריק מיט אַ צייט. שוין אַזויפל אַריבער, און יענץ האָט נישט צוריקגעקערט; אַ סימן — ער איז אויסער געפאַר. ער איז פונויבן. שאַ. טאָ, מאָג ער זיך אַצינד פאַרגינען, רואיק אַ טראַכט־טאָן וועגן יענעם; וואָס, אייגנטלעך, מיט אים האָט פּאַסירט... דאָס הויז זיינס... ער איז נישט געבליבן אינגאַנצן דער זיגער, אין זיין קאַמף מיט דעם... ער האָט עס באַשאַפן, אַליין נישט־וויסנדיק, וואָס ער גייט ברענגען אַף דער וועלט. ער האָט עס געבויעט אין צוויי שטאָקן, אַן אונטערשטן, און דעם אויבערשטן. און, עס איז אַרויסגעקומען — *אַקוראַט ווי ער אַליין*, געטיילט אין צווייען: אין שטעטלשער וויזיע, און אין שטאָטישער — אין געראַנגל צווישן דעם קלאָרן פאַרשטאַנד און דאָס האַרץ — צווישן זיין בליק אַף דער וועלט... פאַרפאַלן. ער האָט מורא, אַז ער וועט שוין דאָ גאָרנישט מאַכן. פון זיך אַליין קאָן מען נישט אַנטלויפן. זיין לעבן גייט שוין אַזוי; אַ טאָפּעלער, און פאַרפּלאָנטערט. זיין לעבן פון דער היים; זיין לעבן פון דאָ... דאָס איז זיין גורל אַזאַ; דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערוועגט אויסצואוואָרצלען פון זיין שטאַם; אַנטלויפן, אַריבערלויפן; זיך־אַליין ראַטעווען אין אַ נייער וועלט... אָ, ער איז שוין לאַנג קיין נאַר נישט געווען, נאָך דאָרטן, אין דער אַלטער היים... ער האָט גוט צוגעזען, וויאַזוי יענץ לעבן גייט אונטער; עס ווערט געשטיקט, און אויסגעהוילט פון יעדן זין. עס גייט דאָרט ווערן אַ פיקציע באַלד; אַ וויזיע נישט מער; אַ נישט־געאַנטע עקזיסטענץ, וואָס לאַסטעט אַף יעדן; דריקט ביז צו דער ערד; פאַרנעמט איבעריק אָרט אַף גאָטס וועלט, אונטער דער זון; דערלאָזט נישט דאָס נייע לעבן, וואָס קאָן,

מעגלעך, אַנטראָגן פון ערגעץ מיט שטורעם, זיך דאָרט איינריכטן, באַזעצן... עס איז אים געוואָרן נישט איבערצוטראָגן, דאָרט, אינעם שטעטל. אים האָט זיך געגומען דוכטן, אז די מענטשן דאָרט זענען קיין מענטשן נישט מער; דאָס — זיי לעבן נישט מער; אַן עולם־התוהו דאָרט, אַ וויסט פארבלענדזעניש. עס דאַרף קומען בלויז די האַנט, וואָס זאָל פארהאַלטן זייער משונה"דיקן לויף; אריינטרייבן אין זייער רו אריין... — בעטלער, וואו דו טוסט זיך אַ קער; שנאָרער; וויסטע לצים. עס איז קיין לעבן נישט מער; דאָס איז אַ בהלה אַ וויסטע; און, זי מוז אויפהערן — אַזוי, צי אנדערש...

...התחינה העצמות היבשות האלה? צי וועלן די דאָזיקע קווארע ביינער דאָך אמאָל ווידער־אויפלעבן? — אים איז פאָרגעקומען, אַז דאָס גייט ער אום, איינער אַליין, איבערן טאָל פון מתים; אַז ער שטעלט די פראַגע צו די ווינטן פון אַלע עקן; נאָר, קיין ענטפער אין זייערע פליגל ברענגען זיי נישט צוטראָגן... עס איז טויט און גליווער אינעם שטעטל. מע זעט נישט, אַז פון ערגעץ זאָל נאָך קאָנען אָנקומען די גאולה... ווען נישט דאָס, איז — אומקום! — און, ער האָט געפאסט מוט, צו פארלאָזן זיין שטאָט; אַ ל יי ן ע נ ד ע ר ן זיין גורל; זיך אַליין ראַטעווען אין אַ נייער וועלט אריין, וואָס האַלט אין אויפגיין... אַז מע וויל גאָר, איז ער זיך אַליין פאָרגעקומען, ווי אַ שיפסברוכיקער — איבער דער צעשטורעמטער ים־סטיכיע. זיין שיף, מיט וועלכער ער איז געפאָרן, איז געווען פארלאָרן; זי האָט זיך געטראָגן צום אומקום... — זאָל זיך ראַטעווען יעדער, ווער עס קאָן נאָר; איידער אונטערגיין באַנאַנד מיט אַלע!... — גראָדע אים האָט זיך דאָס איינגעגיבן; אים איינער אַליין. זיך אַ וואָרף געטאָן דעם צעזאָדענעם שטורעם אין די אָרעמס; געראַנגלט ביז לעצט; דערגרייכט אַ צווייטע שיף, אַ נייע פעסטגעבויעטע, וואָס קאָן נאָך ביישטיין דעם שטורעם; וואָס הויבט ערשט אָן רעכט איר גאַנג דורך די ימים... פון דאָרט האָט ער צוגעקוקט, מיט אנגסט, וויאַזוי זיין אייגענע שיף ווערט געשפאָלטן; זי ראַנגלט זיך אויך ביז לעצט... אָ, דער צעשטו־

רעמטער ים וועט איר זיכער איינשלינגען, פונקט ווי זי איז נישט געווען מער...

..מיט דער צייט, איז עס אים אליין פארגעקומען, ווי א וויזיע, אַט דאָס אַלץ פארגאנגענע, זיין היים; און, וויאַזוי אים האָט דאָס צוגעשפּילט דאָס גליק, אז ער האָט אָנגעהויבן זיין לעבן פונדאָסניי, דאָ, אין דער גרויסער מעכטיקער שטאָט; זיך־פארוואָרצלט, און פונאַנדערגעוואָקסן אין דער טיף, אין דער ברייט, אין דער הויך; ער לעבט, ער עקזיסטירט; ער ווייסט, אז — ער איז פאראן!... כע, ע... נו, טאַ — וואָר־זשע איז ער אין דער וועלט? וואָס איז מיט אים דער מער? וו אָ ס ד אָ ך ה אָ ט מ י ט א י ם פּ אַ ס י ר ט ? !

ער, אונזער פיל־געפּרואווטער העלד, איז איצט אריין אין א טעמפּן ווינקל, פונוואַנען — אָ, ער האָט שוין גענומען איינזעען — ער וועט מער נישט אַרויס. אַלץ, וואָס ער וועט טאָן, אונטערנעמען, פון אַצינד און ווייטער — פונקט ווי דאָס, וואָס ער האָט, ביז איצט, פירגענומען — וועט שוין טראָגן אַזוי דעם חותם פון זיין אייגן צעקאַליעטשעטן לעבן, וואָס איז קיין לעבן נישט; וואָס איז בלויז א געראנגל צווישן וואָר און חלום, שטאָט און שטעטל; אָדער גאָר — צווישן צוויי חלומות, צוויי וויזיעס, וואָס האָבן זיך פארלייגט אַף זיין לעבן; רייסן פון אים לעבעדיקע שטיקער; ווען אים אויסמאָרדעווען, פארפייניקן ביז לעצט. און, אַלץ דערפאַר, וואָס ער, איינער אַליין, האָט זיך דערוועגט פון זיין גורל צו אַנטלויפן; פון זיין היים און שטאָם; און זיי, די זייניקע, אַלדאָס טייערע און האר ציקע, געלאָזן אַף הפקר, אַף אומקום...

* *

פון זינט דאַן, געשעט אַן איינברוך אינעם לעבן פונעם מאַן, אין די פּערציקער יאָרן; עס טרעט איין א צערודערונג אין זיין גאַנצן האנדלען און טאָן; און ער דאַרף באַגיין איבער זיך כסדר א גרייזלעכע אַנשטרענ־

גונג, אז דאָס זאָל זיך נישט נעמען וואַרפן אין די אויגן די אַרומיקע...

עס איז פאַרשטענדלעך, אז ער אַליין באַנעמט נאָך נישט רעכט, אַף ווי ווייט עס האַלט דאָ מיט אים. ער האָפט נאָך אַלץ, אז — אפשר, מיט דער צייט, און מיט דעם כוח פון זיין ווילן... אָ, מיר זעען דאָך, וויאַזוי זי, די צייט, היילט שווערע וואונדן; מאכט — נ י ש ט צו דערקענען... איז, טאָמער — עס טאָקע לאָזן גיין, ווי עס גייט; אַליין זיך נישט מאַכן ווּיסנדיק, האַ?!...

ווי מע זעט, האָט ער זיך נאָך אַלץ געמענטשלט; געקנופּן אין די באַקן, אז דער קאַליר זאָל שטיין; אַרויסגעגיבן באַפעלן און געזען, אז דאָס זאָל געטאָן ווערן פּינקטלעך, צו דער מינוט... אָ, ער איז געוואָרן נאָך שטרענגער, ווי געוועזן — אַז זיינע מענטשן, די, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט דאָרט, אין די אויבערשטע אַפּאַרטאַמענטן, האָבן אים נישט דערקאָנט. מיט זיין ברען און ענערגיע, מיט זיין פּלוצים־צוגעשלאָגענער יוגנט צו די באַקן, האָט ער זיי אַלע געריצט און געצונדן נאָך אַרבעט, טאָן... דאָס אַלץ איז געווען באַטאָג.

נאָר, ווען עס איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, די אויבערשטע אַפּאַר־טאַמענטן האָבן זיך אויסגעלײדיקט פון דעם מענטשן־זשום; מע איז זיך צעגאַנגען, די אייגענע אפילו: דער זון — אין גאַס, די פרוי — צו די איריקע, משפחה, ווער ווייס איר? — אים געלאָזן אַליין, פּנים־צו־פּנים מיט זיך, — איז געקומען די אנטשפּאַנונג און, אים געמאַכט לויז אַרום און אַרום...

...איבעריק איז ער זיך אַליין געוואָרן... עס איז זינלאָז און פאַלש דאָס גאַנצע טאָן פון באַטאָג. זיין ניי לעבן, זיין ענערגיע, זיין אַרבעט. וואָס האָט ער דען דאָ אזוינס אויפגעטאָן? אויפגעשטעלט אַ הויז־אַ מאָנסטער. אַ ליימענעם גולם, וואָס איז געוואָרן צו אים אַ תפיסה; וואו ער ליגט און פוילט, זינט יאָרן; ווערט אויפגעפרעסן, אויסגערויבט פון די לעצטע רעשטן זאַפט און יוגנט; און, ער אַליין האָט מורא אַ ריר צו טאָן זיך — א יי ן ש פּ אַ ן ב ל ו י ז, אז ער לאָזט זיך אַרונטער

אין אונטערשטן שטאָק, — און, ער איז ווידער מיט זיך, מיט דער היים, מיט דער פריי... עס טויבן אויף פאר אים, אין דמיון, זעונגען, געשטאַלטן, היימישע, טייערע; יאָגן זיך איינס פאר דאָס אַנדערע; שימערירן, בלענדן פאר אים; הילן אים איין, זיי פארוויגן אים אין אזא מין לייטזעליקער דערלייכטערונג; הויבן אים אונטער און טראָגן אים מיט זיך אין ערגעץ; האַלזן און קושן אים; דערציילן פאר אים אויס זייער גאַנץ געמיט, זייער ביטער הארץ — פאר דער צייט, אין לויף פון די יאָרן, האָט מיט זיי ד אָ ס פּאַסירט, און י ע נ ץ פּאַסירט, אַזויפיל זאַכן פאַראַמאָל — דאָס שטעטל!... און ער, הערט דאָס אויס אַלצדינג; קוקט דאָס אַלץ צו... דוכט זיך, פון דער זייט, פון דער ווייט; און דאָך — פ ו נ ד ע ר נ אָ ע נ ט; ווי ער אַליין איז אינדערמיט, זייט תמיד, אַ, זינט תמיד... גליק און פּיין און חידוש שפּיגלען זיך אין זיין מיט-טרערן באַנעצטן פּנים... צ י ה אָ ט נ י ש ט אַ מ אָ ל ד אָ ס אַ ל ץ פּ אַ ס י ר ט מ י ט א י ם אַ ל יי ן ?! ... ער וואָלט געמאָגט שווערן... ער ווייסט נישט. מיט אַן אמת, ער ווייסט איצט גאָרנישט...

...שוין. ער איז ווידער געקומען צו זיך. וואו געפינט ער זיך איצנד?...

ער ווייסט, ער איז איינער אַליין אין דער וועלט.
ווי אַ די ברעגן פון אַ צוגעשטילטן דורכזיכטיקן ים.
ווי באַם ראַנד פון זיין, אָדער נישט זיין...
דאָרט, וואו אַלץ אין דער וועלט פּאַסירט יאָ און נישט פאַריינ-
וועגס...
ער איז איינער אַליין געבליבן פון זיין שטעטל. דאָס געדענקט ער
אַף געוויס, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען. נאָר, ער האָט זיך גע
ראַטעוועט;
און אין זיין הארצן איז דאָס געבליבן לעבן, אַ גאַנצס און אומ-
באַרירט;
און עס וויקלט ווייטער דעם שנור פון פּאַסירונגען,

פון אלץ, וואָס געשעט,
וואָס איז געשען,
און וואָס דאַרף נאָך געשעען — עס, ווייט אין דער צוקונפט אַריין...

*   *
*

...איינמאָל, שפּעט באַדערנאַכט;
אַז דאָס גאַנצע הויז איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף;
האָט ער זיך „אויפגעזעצט" אַף זיין געלעגער, און זיך אַרומגעקוקט.
לעבן אים, באַ דער זייט, איז געשלאָפן זיין אייגענע פרוי.
פאַר דער טונקעלער שיין פון אַ נאַכט־לעמפּל, אין אַ גרינעם שי־
רעם, האָט ער איר געקאָנט זען אין צורה.
ער האָט איר אָנגעקוקט, און זי איז אים פאַרגעקומען — אַ ווייטע,
און פּחדים׳דיק־פרעמד, ביז צום שטוינען...
...וואָס טוט ער דאָ?!...
אויסערסט פאָרזיכטיק — אַז ער זאָל איר נישט צעוועקן —
האָט ער זיך אַראָפּגעמאַכט פון געלעגער,
אָנגעשטעקט אַ פּאָר לאַטשן
און, אַזוי ווי ער איז געווען, אין דעם שלאָף־בגד,
האָט ער זיך גענומען שאַרן, שטיל וואָס שטיל הייסט;
ביז, ער האָט זיך דערפילט אַף יענער זייט טיר פון זיין שלאָף־צימער.
דאָ, האָט ער אויפגעוואַרט, אַ ווײַלע;
און, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, זיך־איינגעהערט... ניין.
ער האָט איר נישט איבערגעוועקט...

ער האָט זיך געלאָזן גיין פֿון דער טיר.
ווי אַ שאָטן, האָט ער זיך באַוועגט, לייכט און שוועבנד.
ער איז אָנגעקומען צו דעם צימער פֿון זיין זון;
האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַר דער טיר, זיך־געשושקעט;
ביז, ער האָט זי געעפֿנט, אריין אינעווייניק.
פאַר דער טונקעלער שיין, וואָס האָט אריינגעשלאָגן,
דורך אַ פענצטער, פונדרויסן,
האָט ער איצט קוים געקאָנט אָנזעען זיין זונס צורה,
וואָס האָט ארויסגעבלייכט פון שאָטן;
זיין גאַנצן צעוואָרפענעם גוף איבערן געלעגער,
טאַקע האַרט דאָרט, בײַ יענעם פענצטער...
ער איז געבליבן שטיין, אָנגעבויגן איבער אים;
ער האָט אים באַטראַכט...
יענער האָט אים געשנאָרכט אַנטקעגן העפטיק און שאַרף,
ווי פון גרויס הנאה וועגן...
...אַ ודאי, ערשט נישט לאַנג געמוזט צוריקקערן אַהיים,
פון זיינע הוליאַנקעס אין דרויסן, ווער ווייס אים דאָרט,
וואו ער שפּאַרט אַליין נישט אָן, אין אַלדע שוואַרצע יאָר,
צוזאַמען מיט זיינע חברים, גאַסן־יונגען,
אַזוינע ווי ער...
באַלד נאָר, אַז עס פאַלט צו דער אָוונט
פאַרשווינדט ער פון דער היים;
קערט אום, ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט...
ער איז אים געוועזן ווילד־פרעמד, דער זון זיינער;
ער האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט אָן אים;
אפילו נישט אָן דער מוטער...

* *

...טאטע און זון האָבן זיך נישט אָנגעהערט; תמיד געווען פונדערוויי־
טנס; אזוי, בא דער אַרבעט; און אַפּילו באַם טיש־זיצנדיק, בשעת'ן עסן.
דער זון, קענטיק, האָט זיך געהאַלטן גדול'דיק קעגניבער די אייגענע טאַ־
טע מאַמע; געקוקט אַף זיי, ווי פון אויבן אַראָפּ; אַזויווי מיט אַזאַ מין
שפּאָט־פינטל אינעם אייגענעם בליק; ציי, גאָר אינגאַנצן אָוועקגעקוקט פון
זייער זייט — ווי ער טוט זיי די טובה, אַז ער לעבט...

—...דאָס אַלץ זענען קלייניקייטן... ער, דער פאָטער, האָט אָבער גע־
נומען שפּירן ערנסטעם אויך: וויאַזוי דער זון — אָט דער ווילד־פרעמדער
יונגאַטש! — גייט אים דאָ ווערן באַלד געפערלעך — באַטאָג, בא דער
אַרבעט, אין אַלע זיינע עסקים, פאַרמעסט ער זיך קעגן אים; און, מיט
דער חוצפּה און זעלבסטזיכערקייט פון אַ שאַלקהאַפּטיקן לץ, פּרובירט ער
זיך אים, דעם פאָטער, אינגאַנצן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט; אַזויווי אַן
איבעריקן... און ער, וואָס האָט דאָס אַליין אַלץ, מיט די אייגענע הענט,
אויפגעשטעלט — מוז זיך מיט אים גוט ראַנגלען, האַ?!... —

...ער האָט אַרויסגעפילט, אַז — דאָס הויבט זיך ערשט אָן, צווישן
אים און זיין זון. נאָר, צו וואָס דאָס וועט דערפירן — אַהינצו — אַ ז ו י
ו י ט, האָט ער אַליין מורא געהאַט אַ קוק־צו־טאָן...

* *

...און, ער האָט נישט געזאַמט מער;
פאַרלאָזן דאָס צימער אַזוי שטיל, ווי ער איז אַהין אַריין.
בלייבנדיק ווידער אַליין מיט זיך,
האָט ער זיך גלייך באַרואיקט און אויסגעגלייכט...
אַ, נישט אים מאַכט מען נאָך אָוועק מיט דער האַנט.
נישט אַזוי גיך.
ער וועט נאָך ווייזן — ו ע ן מע באַדאַרף, און ו ע מ ע ן —
ו ע ר, ע ר, א י ז ...
יאָ; דאָס הויבט זיך ערשט אָן; איז — אדרבה...

...און, ער האָט אַ שמיר געטאָן אַ האַנט אָן־אַ האַנט;
זיך־אויסגעבויגן אַף פּאָרויס;
אַז דאָס אייגענע פּנים האָט אַ פּכיקע געטאָן באַ אים מיט ביטול;
ווי ער וואָלט באַדוירערט —
—ווער עס גייט זיך דאָ מיט אים אָנ־הויבן...

דערבײַ, האָט ער אַליין נישט באַקומען שיר
דעם אָנבליק פון אַן אַלטן געשייטן לײַ;
אַ געניטן אין דער שוואַרץ־קונסט פון דער נאַכט;
וועמען דו וועסט שוין דאָ דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען...
אָ, ער איז גרייט צום קאַמף —
— איצט, אַקוראַט ווי אַמאָל, אין דער יוגנט!...

...באַלד, גלייכט ער זיך ווידער אויס;
בלייבט שטיין, אַליין — מאַיעסטעטיש שטאַלטנע.
ער איז שוין אָפּוועזנד און ווייט פונדאַנען.
זיין בליק צעגלאַנצט זיך, ראַשט אויף,
ווי אַ באַנומענער, פאַר אַ זעונג.
ער הויבט זיך אָן אַרונטערלאָזן, מיט די טרעפּ;
ביז, ער גרייכט צו איינעם אַ גרויסן זאַל פון דעם אונטערשטן שטאָק...
דאָרט, וואוהין ער האָט שוין געהאַט אַזויפיל מאָל פאַרבלאָנ־דזשעט,

אין לויף פון די יאָרן...
ער טרעפט, די טיר איז אָפן אַף אינעווייניק —
פּונקט, ווי מע וואָלט דאָ געוואַרט אַף אים;
און, ער לאָזט זיך גיין גלייך אַהינצו...
ער מאַכט נישט ליכטיק אין ערגעץ.

ער פארהאלט זיך נישט.
ער גייט אַלץ ווייטער און טיפער אינעם נאַכט־חושך...
ביז, ער בלייבט שטיין, אַ פארבליפטער...
זיין אויער כאַפּט אויף דאָס געוויש פון אַ וואסער;
דאָס שטילע פּלעסקען פון כוואַליעס,
אז זיי שלאָגן צו אַ ברעג —
— אָט, דאָ, באַלד, אונטן, בא זיינע טריט...
...ער האָט גאָרנישט געוואוסט, ביז איצט, פון דערפון,
אז — ער האָט געבויעט זיין הויז אפן וואסער...
אז דער ים איז אים נאָכגעגאַנגען ביז אהערצו...
נאָר, פארהאלטן זיך אַף אינדערמיט וועג קאָן ער נישט מער,
איצט, ווען ער האָט אָנגעהויבן,
ער איז שוין אַף אזוי ווייט דערגאנגען!...

...און, ער פאסט מוט;
ער גלייכט זיך אויס, ווי הויך ער איז;
ער לאָזט ארויס אַ שאַרפן פייף, צעעפנט ברייט זיינע אָרעמס
און, ווי אַ יונגער ספּריטנער שווימער, ווארפט ער זיך,
גלייך מיטן קאָפּ אראָפּ, אין די כוואַליעס...

...ער פארשווינדט.
איבער אים שליסט זיך דאָס וואסער,
ווי אַ שטומער אָפּגרונט, אַ רעטזועלהאפטער.
עס בלייבט שרעקלעך שטיל...
...ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אָפּ,
אין דער אימה'דיקער טיף...
מיט אים, און מיט זיין הארץ?!....
איבערן ים הענגט נידעריק אַ נאַכטיש בלייערנער רוים;

וואו א גרויסע בלוי־זילבערנע לבנה בלאָנזשעט אום,
איינע אַליין, אין דער שוואַרצגעדיכטעניש;
זוכט דעם וועג, וואָס זי האָט פאַרלוירן;
זוכט און זוכט...

...נאָר, אָט ווערט פרייליכער איבערן וואַסער.
די כוואַליעס צערײדערן זיך, לעבן אויף, אפֿן זעלבן פּלאַץ,
דאָרט, וואו ער האָט זיך פריער אַריינגעוואָרפן.
באַלד באַווייזט זיך זיין צעשויבערטער קאָפּ איבערן אויבערפלאַך.
עס ווערט לוסטיק און לעבעדיק פאַראַמאַל.
ער נעמט טיילן פּעטש אף רעכטס און אף לינקס.
ער שווימט צום ברעג...
און, דאָס טיפע נאַכטישע אויג, די לבנה,
גייט אים באַגלייטן;
שפּיגלט און באַלויכט אים דעם וועג אין פּאָרויס...
ביז, ער גרייכט די יבשה.
ער קומט אַפער פונעם וואַסער;
בלייבט שטיין, איין ווייַלע בלויז — א לאַנגער, א דינער,
א נאַכטיש־אומבאַרירטער און טיף־אין־זיך־איינגעשלאָסענער...
באַלד, רירט ער פונעם אָרט;
און, ער פאַרנעמט זיך, מיטן זעלבן וועג,
וואָס פריער אַהערצו — אף צוריק...

...ערשט, אז ער איז שוין ווידער אף זיין געלעגער;
אז ער האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט; אויסגעפונען, אז
עס איז גאָרנישט באַמערקט געוואָרן, —
האָט ער זיך אויסגעצויגן, א באַרואיקטער,
און צוגעשלאָסן די אויגן...

...אַ גליקלעכער שמייכל האָט באַשיינט זיין פּנים... וואו דען איז ער געווען, אַז נישט אין דער היים?!... אָ, דאָרט איז אַלץ געבליבן נישט געענדערט; יונג אַזוי, אין האַרציק; די זעלבע מענטשן, די שטיבלעך, גאַסן; דער אייגענער בלויער הימל; און דער לאַנגער ברייטער וועג הינטערן שטעטל... דאָרטן איז ער אומגעגאַנגען, אַ שטאַרקער, אַ מוטיקער; (מאָדנע, ווי ער האָט זיך אַליין גלייך דערקאָנט!) און ער האָט איר, זיין חבר'טע, געפירט פאַרן האַנט; אַריינגעקוקט אין אירע טיפע שוואַרצאַפּלען; באַלד אוועקגעשפּאַצירט מיט איר, ווייטער אַלץ איבערן וועג, פונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן ביידנס גליקלעכער לאַכן; ביז וואַנען, אַלץ ווידער האָט זיך אויפגעגאָסן מיטן אַרום, נישט געוואָרן...

און, ער האָט אויפגעדראָזשעט מיט אַ זיסן שוידער, געקומען צו זיך. עס איז שוין געווען צייט זיך־אויפצוהויבן, נעמען גרייטן צו דער אַרבעט. ער האָט דאָס געמאַכט אַף גיך; אַזויווי נישט־געטרויענדיק מער זיך אַליין — נאָכדעם, אַז אַזוינס האָט געקאָנט מיט אים פּאַסירן!... — זיך־צורעכט מאַכנדיק, איז ער לאַנג געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זאָרגזאַם זיך־באַטראַכט; נאָכגעפאָרשט, אַריינגעקוקט אין די אייגענע בליקן... ניין. מע זאָל זאָגן — עס זאָל עפּעס זיין אין אים צו דערקענען... ער איז דער זעלבער, וואָס תמיד — געשעפטסמעסיק און קלאָר... איי — דאָס, וואָס מיר ווייסן?!... בלייבט עס פאַר אונז — אַ געהיימניש; אַ טיפע אומדערקלערלעכע מיסטעריע. עס קומט מיט דער נאַכט; אַהינצו גייט עס אָפּ אַף צוריק.... לייקענען אין דעם מער קאָן ער נישט. עס איז איבעריק; עס קאָן אמאָל ווערן געפערלעך אויך; אָבער, דער עיקר — וואָס אים אַליין, דעם ניכטערן שטאָטישן מאַן, לאָקט עס, און עס רייצט; ער וויל זיך מער דערפון נישט אָפּזאָגן... אַז מע איז מיט זיך אַליין — פאַרפאַלן, צוואָס דאָס פאַרהוילן?! — ער שפּירט, אַז מיט אים גייט דאָס נישט גלאַט אינגאַנצן, מיט זיין מוח און מיטן האַרץ — ער מוז זיין אָנגערירט אין עפּעס... זאָל ער זיך ראַנגלען, אָננעמען מיטלען?... נו, האָט ער דאָס ווינציק געטאָן ביז איצט? — אַרויסגעוואָרפן!...

עס בלייבט — זיך־אונטערצוגיבן; לאָזן גיין, ווי עס גייט... אָבער, עס ווערט באַלד אינטערעסאַנט, אַט דער שאַרפער פּלאַנטער פון זיין טאָג־פּעלן זיין; וואָס וואַרפט אים, ווי אַ שפּענדל איבער די ימים, אין וואָר און אין חלום; אין שוידער און אין גליק; פון איין וויזיע צו דער צווייטער; אַז, ער אַליין, אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד, וויל מער פון גאָרנישט ווייסן — ער לייגט אָפּ בידים דאָס וואָפן; גיט אויף פון זיך דאָס אחריות פאַר אַלץ!...—

נאָך לאַנג אַזוי, איז ער געשטאַנען פאַרן שפּיגל; אַליין נישט באַמערקט די צייט, ווי זי לויפט; זיך־גאָרנישט געקאָנט צורעכט־מאַכן עפּעס היינט די צורה, דעם אויסזעען... זיך גוט אַליין באַטראַכטנדיק אַזוי, פון דער נאָענט, אַן אַרומגעפּוצטער, אַ צוגעגלעטער, — האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַ קוים דורכזיכטיקן שמייכל צו זיך, אַז — נאָך אַלעמען, איז ער נאָך גאָרנישט אַזוי אָפּגעפּאָרן, ווי מע מיינט... ער איז געבליבן צופרידן מיט זיך און, אַ נאָכדענקענדער, אַן ערנסט־וואַזשנער, האָט ער זיך געלאָזן גיין צו דער אַרבעט.

...קאָנספּיראַציע, פאַר אַלעמען. ביז וואָס־ווען, (און אפילו דערנאָך,) טאָר קיינער פון גאָרנישט ווייסן; נישט פאַרדעכטיקן אפילו... ער, בלייבט אימער דער זעלבער, ווי געוווען; פעלזנפעסט, אומדערשיטערט. אַזוי, לגבי זיין פרוי און זון; אַזוי, לגבי זיינע מענטשן. ער האַלט דעם רול; זיין בליק זעט קלאָר פאַראויס; און, ער פירט!... ער מוז געדענקען גוט, וויאַזוי ער באַוועגט זיך אין שטענדיקער געפאַר; מע לויערט אַף אים פון אומעטום, אַזוי פון אינעווייניק, ווי פון דרויסן. איין פאַלשן טראָט, אַז ער שטעלט, — אַזוי, גלייך איז ער פאַרלוירן...

ער איז גליקלעך, אַז דער טאָג גייט אַריבער; און, מיט אים האָט גאָרנישט פּאַסירט... איצט, בלייבט ער ווידער, איינער אַליין, איבערן גאַנץ־גרויסן הויז; פּנים־צו־פּנים מיט זיין ווערק; געלאָזן צו זיך; און, ער קאָן שוין, ווי געוווען, אומגעשטערט זיך־נאָכגיבן דעם שטראָם פון זיינע פּאַסירונגען; אומגיין פון אויבן ביז אַראָפּ, אויפכאַפּן, פאַרנעמען יעט

ווערן אָפּהילך און קלאַנג; מעג ער קומען פון וואו טיף, פון דער ווייט, ווי אַ רוף צו אים, אַ וואָרענונג... שרעקט ער זיך נישט. ער האָט מער קיין מורא נישט פאַר קיינעם. ער דערשפּירט ערשט איצט, און ער דער־זעט צוגלייך, וויאַזוי ביידע זיי — ער, און דאָס הויז — נעמען אויפלעבן, דערוואַכן ווי פון אַ פּלעט; ערשט איצט, שפּירט ער, גיסן זיי זיך אַזוי אויף צוזאַמען, ווי קיינמאָל; איין האַרץ, איין נשמה; און, וויאַזוי עס צע־עפנט זיך באַביידן די לעבנס־פרייד; אָ, די פאַרשטאַרטע יוגנט; איר סו־דות׳פול מורמלען און שטרעקן זיך אַנטקעגן וועלט, הימלען ברייטע אום ענדלעכע; אַנטקעגן ים, מיט געזאַנג, און פּיין, און גליק; זיך־אויפגיסן מיט זיין מעכטיקן שטראָם; מיטגיין מיט אים; פאַרשווינדן...

ער האָט זיך קוים דערוואַרט אַף דער שפּעטער נאַכט־שעה; אַז, אַלעס האָט ווידער צוריקגעקערט צו זיין רו; און...

...ער האָט זיך באַלד „אויפגעהויבן" פון זיין עלנט און פרעמד גע־לעגער; געלאָזן איבער זיין נייעם געפּערלעכן וואַנדל־וועג... ער איז גע גאַנגען, און צוריקגעקומען, ווי קיינמאָל גאַרנישט; אַקוראַט, ווי נישט אים מיינט מען עס. אַ זייטיקער זאָל דאָס מערקן אַף אים אַ האָר... ער האָט גענומען ווערן, מיטאַמאָל, אַזוי זיכער באַ זיך; אַז, אינדערפרי, באַם שפּי־גל־שטייענדיק, ווען ער האָט זיך אַלץ באַטראַכט, נעזוכט צו דערזען פאַר די אויגן דעם סוביעקט, יענעם ליץ פון באַנאַכט, און נישט געקאָנט, — האָט ער אָנגעקוואָלן פאַר פרייד; און, ווען ער האָט נישט מורא פאַר עמיצן, וואָלט ער באַלד אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטן...

* *

..אַזוי, נאַכט־באַ נאַכט;
האָט ער, אָבער־און־ווידעראַמאָל, פאַרבלאָנדזשעט צו זיין היים;
ז י ך ארומגעזוכט אומעטום;

באַלד אויסגעפונען דאָרט, וואו ער האָט זיך, מיט אַ באַזוך פריי־
ער, פאַרלאָרן;
איצט, האָט ער ווייטער געוויקלט דעם שנור
פון יענע אָפּגעלאָפּענע טעג מיט יאָרן פון זיין לעבן...
ער האָט זיך אָפּגעזוכט אומעטום,
בּאַ פריינט און אייגענע;
און, אַז ער האָט איצט, אַזויווי מן־הצד,
צוגעקוקט, וויאַזוי עס פליסט פאַר זיין אויג
זיין אייגענער לעבנס־גאַנג, —
האָט ער אָפּגעזיפצט; ווייל, איינגעזען אַליין, אַ,
אַז — ער איז ווייט נישט געווען פון די לעצטע, קיינמאָל...
ער וואַרפט זיך אין די אויגן אומעטום.
וואו ער גייט און שטייט, זע, ווי מע קוקט אים נאָך,
דעם אינטעליגענט פון שטעטל;
מע קוקט אים אין די אויגן אריין; מע האָט אים ליב...
זע, ווי די אייגענע חברים,
פּשוט'ע, טרייע, געטרויען אים;
מע דורשט נאָך זיין וואָרט...
אים גייט מען כסדר נאָך, און אומעטום.
וואו ער באַווייזט זיך, איז באַלד ענג אַרום;
מע וויל אים הערן, פאַרשטיין...
און, אַז ער נעמט רעדן, מיט ש ב ל, פאַרשטאַנד;
זענען אויגן אַזויפיל, וואַרעמע, לויכטנדע,
אָנגעשטעלט צו אים...
זע, גאָט, ווי זיי שיינען דאָס אויף אין פרייד,
בלישטשן אין באַגינען־טוי,
אַז ער נעמט אָנדייטן פאַר זיי,
דורך דעם ציטערדיקן טרערן־נעפּל זייערן,

די אויסגעפּייניקטע ווייזע פון זייער מאָרגן־רויט...
נאָר, ער אַליין, אין דער מאַסן־ווייזע,
זעט ער גאָר דאָס וואונדער, וויאַזוי —
פון צווישן אַלעמענס בליקן, העלט ז י,
זיין חבר'טע, נאָר איינע אַליין ארויס, אַ צעשמייכלטע, ווי אַ קינד;

ו י ד י מ אַ מ ע, גוט און פרום...
ווען אַלץ שווימט אָפּ, בלייבט צוגעשטילט,
און מיט הכנעה, פלעשטשען צון אירע טראָט, —
אַזוי שטייט זי, אַ וויים־דורכזיכטיקע שטאַלטונג;
אַזוויווי דער קאָראַלן־שוים אנטפלעקט צו דער זון;
יענע זאָל טראָגן צו איר איר גינגאָלד;
איר זיבנרעגנבויגנדיקע שיין...

...ער בלייבט פאר איר, אין ערפוכט שטיין;
שטום און פארבליפט...
איצט, האָט ער דערזען פלוצים פאר זיך
די ווייזע פון זיין מאָרגן־רויט;
און, ער באקומט מורא זיך צו איר דערנעענטערן;
איר אָנרירן בלויז, פארשוועכן...
אָ, ער וועט שוין בלייבן אַזוי פונדערווייטנס,
פונדערנידער ארויפקוקן צו איר געשטאַלט;
פאַלן פאר איר, אין זיסן שווידער פון געבעט...

...נאָר; פון דאַן אָן, פאַנגט זיך אָן בא אים
אַ טראַגיש־בלוטיקער פלאָנטער פון זיין לעבן.
זי איינע אַליין קערט זיך אַוועק פון אים.
זי ליידיקט אים אויס זיין האַרץ;

לאזט דאָרט א חורבן;
און שטאָק־פינצטער, ווי דער טויט...
ער, איז נישט מער דער, וואָס געווען ביז אצינד.
אָפּגענומען בא אים דאָס לשון, דאָס וואָרט...
עס איז געווען בא אים כסדר, איטלעכס וואָרט זיינס,
וואָס ער האָט פאָרגעבראכט פאר פריינט,
געטונקט אין זיין מ א ר ך און אין א י ר ח י ו ת;
דאן האָט עס געוואַרעמט יעדן
מיט דעם צאַפּל־הויך פון לעבן...
נאָר איצט, ווען ער האָט איר פאַרלוירן, —
ווערט דאָס וואָרט זיינס אָ, ער שפּירט, אָן לעבן געבוירן,
באַלד דאָרט בא אים, אין זיין מארך;
עס פארגייט און וועלקט אָפּ אין די פליגל
באַלד, באַם אפּערקומען פאר זיינע ליפּן,
פאַלט דאָס אראָפּ, ווי א טויטע שוואַלב, פון דער הויך
גלייך אין א תהום אריין...
אזוי, גלויבט אים נישט מער קיינער;
מע קערט זיך אוועק פון אים...

...זי האָט אים איבערגעלאָזן;
אָבער, זי איז נישט אליין, ווי ער.
זי גייט מיט א צווייטן....
ער, איר נייער חבר, איז איינער
פון די פריינט, פון פריער.
נאָר, ער איז אנדערש פון אים, א פּשוט'ער, א טרייער;
ער רעדט מיט הארץ און פייער;
זי קוקט צו אים באַגייסטערט,
און די חברים גלויבן אין זיין וואָרט...

מע גייט ווייטער, אַלע צוזאַמען;
טרעפט זיך, ווי געווען...
אַ, זי איז שיין און אַנדערש געוואָרן;
אויסטערליש־פּרעכטיק; געקומען אין קאָליר...
זיי, זי און דער פריינט, ליבן זיך אַזוי פריי, איידל;
פאַר אַלעמען אין די אויגן, צערטלט ער איר;
און זי, אַ פאַרוויטלטע, זי שיינט און שמייכלט...
ערשט אַצינד, מע זעט, איז זי גליקלעך,
ווען זי ליבט און ווערט געליבט...
נאָר, פאַר אים קרעמפּירט מען זיך נישט;
אַזויווי עס האָט אויפגעהערט זיין אייגן לעבן,
פאַרהאַלטן אין גאַנג;
און, ער מאָג זיך צוקוקן — וויאַזוי דער אַנדערער
ציט ווייטער זיין לעבנס־שנור;
ער ליבט פאַר אים; ער זינגט
און ער ציטערט איבער איר, אין פרייד און אין לייד,
און... ווי זי אַליין קוקט אַריבער צו אים
פון דאָרט;
ווי איר פריידיקער בליק טונקט אין
פיין...

...און, מיטיינמאָל פּועל'ט ער בא זיך — ער
ווערט אַן אַנדערער! —
וואָס איז דאָס געווען מיט אים ביז אַצינד?!...
אַז ער איז איצט געבליבן אַליין;
אויסגעלאָזן פונעם טומל, פון חברים און פריינט, —
האָבן זיך בא אים די אויגן פּלוצים צעעפנט;
און, דאָס, וואָס ער האָט דערזען,

האָט אים געמאכט אויספלאַצן מיט אַ ווילד געלעכטער...
וואָס זעט ער דען פאַר זיך? —
— בעטלער, שנאָרער, יונג און אַלט;
יונגען און מוידן, אַלע זיי,
דאָס גאַנצע אָרעמע שטעטל —
— אָ, זע, ווי עס קרימט זיך, מאַכט העוויות;
וואַרפט אַרוים אַלערליי מיתה־משונה'דיקע שטיק;
לאַכט אויס איינס דאָס אַנדערע;
לעצעוועט אָפּ צווישנאַנאַנדער;
מאַכט זיך אויסצודרייען; מיט דער בלאָטע גלייך! —
נאָר, באַלד ווידער, אַלע — אויפגעדרעגגט איניינעם;
מע האַלט זיך פאַר די אָרעמס;
די קוואַרע פּנים'ער שיינען אויף, זענען געריירט;
מע נעמט פאַרציען אַ ליד —
איז דאָס אַזוי אָנגעבראָכן, אַלטבעטלעריש געזאַנג;
אָן לעבן, אָן מוט;
עס שעלט און עס בעט; עס דראָעט, דאָס שטעטל;
אָבער — וועמען?
אַז קיין שונא איז ארום נישטאָ!...
ווער איז דיר שולדיק אין דיין בראָך,
אָרעמע, וויסטע היים?
אַז דיין יוגנט האָט נישט קיין מאָרגן,
טאָ — וואָס סיקט זי דאָרט, באַ דיר,
וואַרט אפן נעכטיקן טאָג?
אָבער, אָרעמס מעכטיקע האָט זי —
— זאָל זי אויפברעכן די טויבע ווענט פון היים;
אַריינרייסן זיך אין דער גרויסער פרייער וועלט;
דורך ים און דורך שטורעם;

אויפגיין מיט באַנייט געזאַנג!

...— בעטלער! — וואַרפט ער זיי צו,
זיינע געוועזענע חברים, מיט פאַראַכטונג —
אַז זיי איז דאָס ניחא אַזוי.
זיי ווינטשן זיך גאָרנישט בעסערס.
זענען גרייט אַזוי דאָס לעבן צע׳פטר׳ן,
דאָ, אין דער פינצטער;
פאַרבייסן מיט אַ ליד;
אויסקוקן, ווי די קליינע קינדער, אַף דעם וואונדער,
דעם נס פונעם הימל,
וואָס וועט אַראָפּפאַלן, אַלעמען באַגליקן...
— אָבער — ניין!
מיט אים קאָן דאָס נישט פּאַסירן מער!
אָ, ער האָט גרויס גלויבן אין זיין שכל, פאַרשטאַנד,
אין זיין טאַלאַנט!
אָבער זעט, ווי ער האָט דאָס דערוואַכט מיטאַמאָל;
די אויגן צעעפנט;
עס נעמט אים שטיקן דאָ;
באַלד — נישט איבערצוטראָגן...
אָבער, ער לאַכט אויס דעם אַלעמען!
ער, מיט זיין פאַרשטאַנד, שמייסט דאָס צוריק,
דאָס גאַנצע שטעטל, מיט שפּאָט און מיט עקל!
אַז, עס לעבט נישט פאַר אים מער — אויס!...
אָ, אים רייצט די וועלט, מיט איר צויבער און גלאַנץ...
ער וועט פאַרלאָזן שנעל דעם קבצנ׳סקע זאַוואָד;
אַ שפּיי־טאָן אַף אַלץ — אַט, וועט מען זען... —

* *

*

אינעם הויז האָט מען זיך גענומען כאַפּן אַף עפּעס; אָנגעהויבן גיבן אַ רעכענונג, אַז — עס גייט דאָ מיט אים נישט גלאַט... עס האָבן עס באַמערקט, צוערשט, די מענטשן; די, וואָס האָבן געאַרבעט בא אים. זיי האָבן זיך, מיטיינמאָל, דערשפּירט לויז פון דער שטרענגקייט, אין וועל־כער ער פלעגט זיי האַלטן ביז דאַן. איצט, האָט ער גענומען פאַרפאַלן ווערן, אַף גאַנצע שעה'ן, אין ערגעץ; מע האָט אים נישט אָנגעקוקט אין געשעפט; מאָג עס גיין, ווי עס גייט; נישט קיינעמס דאגה דערפאַר...

ערשט, אַז ער האָט צוריקגעקערט; האָט מען געזען, וויאַזוי ער איז נישט מער דער, וואָס געווען. ער איז פאַרבליבן אַזוי ווייט פאַרשטעקט אין זיך, אַז ער האָט גאַרנישט געמערקט ארום... די מענטשן האָבן אויפ־געכאַפּט זייער האַרס שמייכלען מילד צו זיך אַליין; זיינע אָפּגעהאַקטע האַנט־באַוועגונגען; די נערוועזע צוקן פון פּנים; און, זיי האָבן עס צע־לייגט צווישן זיך; געמורמלט אין דער שטיל; געמאַכט יענע מסקנות, וואָס מע האָט באַדאַרפט...

ביז, עס האָט גענומען ווערן אומהיימלעך פאַר זיי, די מענטשן זיי־נע, ס'פאַרבלייבן מיט אים אַליין. ער איז אָפּגעזעסן, שעה'ן לאַנגע, פאַר זיין טיש און געשוויגן; אַזויווי, ער וואָלט געוועזן גאָר אָפּוועזנד פונדאַ־נען; געקוקט אין ערגעץ אַ אַנדער וועלט; געקוקט צו דיר, נאָר — דיך נישט געזען... ער האָט געקוקט ד ו ר ך ד י ר; און, דין, קוים־דורכ־זיכטיק, זיך־באַניים צעשמייכלט — אַ כיטרע לץ, אַ בעסטיע... — ו י ע ר נ ע מ ט ד י ך א ד ו ר ך א י נ ג א נ צ ן; אָנבאַהעפט זיך, מיטן בליק, צון עפּעס בא דיר דאָרט אין דער טיף; ער האַלט עס פעסט; ער לאָזט נישט נאָך — אָ, ער לאַכט דיך אויס, דער געמיינער מענטש; שפּאָט אויס־דיר, פון אויבן ביז אראָפּ; ב אַ ל ד, וו ע ט ע ר ג יי ן, ד י ך א ו י ס ש ט ע ל ן, נ אַ ק ע ט, פ אַ ר ד ע ר ל י כ ט י ק ע ר ש יי ן ...

און, זיי האָבן אויפגעדראָזשעט, די מענטשן; ארונטערגעלאָזן דעם בליק צו דער ערד; זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט פאַר אים...

דאָס האָבן זיי געוואוסט, די מענטשן, פון זייער האר — פון באַטאָג. נאָר, ווען דער טאָג פלעגט אריבער, איז מען ארוים אין דרויסן, ווי פון אַ תפיסה אפער; פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָן, איז איטלעכער אוועק צו זיך און, גלייך אָן אים פארגעסן; געהאט אייגנס גענוג...

אָבער, גאַנץ אַנדערש איז דאָס צוגעגאַנגען מיטן זון... ער האָט געהאסט דעם אלטן, זינט יאָרן; נישט געקאָנט אים פארטראָגן קיינמאָל; זיין שטרענג־זיין און הערשן איבער אים... ער האָט אים דאָך געהאַלטן שטענדיק, ווי אַף דער קייט; און, אָפּגעטריבן פון זיך...

שפּעטער, אז דער יאט האָט גענומען אונטערוואקסן; האָט דער פאָטער אים גלייך איינגעשפּאנט אין דער ארבעט; אַ גאַנצן טאָג באם געשעפט. ער אַליין האָט געהאַלטן דאָן אין סאמע ברען; זיין איינרייסן די וועלט; שטייגן בארג אַרויף; און, ער האָט געלערנט דעם זון, וויאַזוי — מע דארף פארדינען אַף צום לעבן, ווען מע וויל, אז טאטע־מאמע זאָלן דיך אויסהאלטן...

דער יאט האָט זיך געבויגן אין דרייען, אונטער דעם אלטנס לאסט, און געשוויגן. נאָר, אין הארצן בא אים איז דער האס געשטיגן צו זיין באַדריקער. טאטע און זון האָבן קיינמאָל נישט אויסגערעדט קיין פריי וואָרט צווישן זיך; אַזויווי זיך נישט אָנגעהערט; אויסער בא דער ארבעט, אז דער אַלטער האָט באַפוילן, און דער יונגער האָט געטאָן. אוועק דער טאָג, האָט זיך דער פאָטער מער אין אים נישט געגוויטיקט; ווי ער וואָלט אים נישט וועלן זען פאר די אויגן; פונקט, ווי זיינע מענטשן פון דער פרעמד. מע צעגייט זיך, איטלעכער צו זיך...

אזוי איז געגאַן, אין משך פון יאָרן. געוואָרן אלצמער אָפּגעפרעמדט פון אַנאַנדער. ער, דער יאַט, איז אלץ געוואָקסן. אין די אָוונטן, האָט ער גענומען פארפאַלן ווערן פון דער היים; פון דעם גרויסן לײדיקן הויז, וואָס זיין פאָטער האָט אויפגעשטעלט, און פונוואַנעט עס האָט, איצט, אין פארנאכט, באַלד גענומען ווייען אַף אים, פון איטלעכס ווינקעלע, מיט אַ קעלט, מיט אַ פחד; אז, עס האָט אים געטריבן פון דאָרט אַף אינ־

דרויסן... עס איז אים פֿאַרגעקומען, צום אָוונט־צו, דאָס הויז, אַזוי ווי אַ וואָגזאַל, אויסגעליידיקט פּלוצים, און אָפּגעהאַקט דער טומל פון באַ־טאָג; אַזוי, בלייבט ער, אַפן פרייען פעלד, אַליין; און, עס דוכט, ווי דער באַטאַגיקער רעש נעמט זיך אומקערן פון ערגעץ; בלייבט הענגען אין לופטן, באַוועגט זיך; ער שרייט, און ער שרעקט... ער האָט זיך צוגעז־זוכט חברים, דער זון, אַזוינע ווי ער; פון די זעלבע הייזער — אַלץ פון דעם גראַד, וואו מע האַלט כסדר אין שטייגן און אַרויפאַרבעטן זיך; מער זעט מען גאָרנישט פאַר די אויגן; קיינמאָל נישט דאָס אייגענע קינד לעבן זיך... דאָס זענען געווען יאַטן— איינס־אין־איינס; עלנט און פאַר־צווייפלט; פאַרביטערט אף דער גאַנצער וועלט. אַזוי ווי לעבעדיקע יתומים, זענען זיי זיך אַליין פאָרגעקומען; נאָך באַצייטנס, ווען טאַטע־מאַמע לעבן נאָך; נאָר, פאַר זיי זענען זיי גלייך, ווי געשטאָרבן... פרעמד און ווייט זענען אייגענע טאַטע־מאַמע, ווי טויט. קיינמאָל רעדן זיי נישט צום איי־גענעם קינד — עס שטייט זיי נישט אָן, אין זייער גדלות, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון ערגעץ — אַז זיי האָבן, אַ מ אָ ל, צוגעוואַנדערט אַהער, אין דער גרויסער וואונדערלעכער שטאָט... אָדער, זיי האָבן גלאַט קיין צייט נישט; כסדר פאַרנומען מיט זיך; מיט דער אַרבעט און אויפ שלאָגן קאַפּיטאַל... און, אַז זיי צערעדן זיך שוין יאָ אַמאָל צווישן זיך, — איז דאָס אַלץ — פון אַ ווייטער פרעמדער וועלט; פונוואַנען זיי קו־מען, און זיי קענען זיך פון איר אַלץ נישט אויסטאָן — מאָגן וויפל יאָרן האָבן פאַרגאַנגען! ד אָ ר ט ן בלייבן זיי שטעקן, מע זעט, מיט זייער גאַנצן האַרץ און צאַפּל... אַז זיי צערעדן זיך, די אַלטע, איז כדאַי זיי אָנצוקוקן: זיי ווערן צעוואַרעמט; עס צינדן זיך אָן בא זיי די באַקן, די אויגן — ווי זיי וואָלטן זעען גאַנצע שלעסער פליען פאַר זיך אין לופ־טן... דאַן, אין זייער הויכמוט; באַוויליקן זיי אויך צוואַוואַרפן אַ בליק צום אייגענעם קינד — אַ בליק מיט באַדויער; פון אויבן אַראָפּ, פול מיט ביטול...

„...— עך, דו, נאַרישער קאָפּ, וועסט דאָס קיינמאָל נישט פאַר־שטיין!...״

...אזוי אוועקמאַכן דאָס איינגע קינד... און, זיך איינקויפן, דער־פאַר, אין האַרצן באַ דעם, מיט פּאַראַכטונג, און שנאה... עלטערן, און קינדער — צוויי וועלטן; ווייט און פרעמד; מיידן זיך אויס, פאַר'־עקשנ'ט... ווייל — י ו נ ג ג ט, ז י ד א ר ף נ אָ ר ו ו ע ל ן! —
אזוי נעמט זי לאַכן הילכיק־שטאַרק; אַפּלעצעווען — עט, פון דעם גאַנצן אַלטוואַרג; וואָס האָט זיך דאָ צעלייגט, אין דער נייער וועלט, פּילדערט, טומלט; קאָן מען מיינען — עס לעבט... — דו ביזט טויט, אַלטער! זעסט נישט די וועלט פאַר די אויגן... דאָס הויכע ווייסע הויז, וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט — אַ מ צ ב ה צ ו ד יי ן ג ע וו ע ז ן ל ע ב ן, פ ו ן אַ מ אָ ל. עס וועט אַהער מער קיינמאָל נישט צוריקקערן! נישט צו מיין האַרץ. און נישט צו דער נייער וועלט אַרום. — עס וועט זיך נישט אָננעמען אַהער — ד ו ה ע ר ס ט? — די פּלאַנץ, וועלכע איז טויט! דיין הויז איז טויט! ד יי ן אַ יי נ ג ע נ ע וו ע ל ט איז טויט באַ דיר אין האַרצן! דו האָסט זי דערמאָרדעט, אַלטער. ד ו ב י ז ט אַ מ ע ר ד ע ר!

אזוי האָבן די עלנטע יונגען; און צווישן זיי, דער זון פון אונזער העלד; אַלע — פּאַרשטויסענע פון דער אייגענער היים; ביטער רעזאַנירט איבער זייער שטאַם און, דערוייל — גוט צוגעבראַכט, אין ערגעץ, די נאַכט. דאַרויף האָט זיך געפּאָדערט געלט, אַף דעקן די הוליאַנקעס; און, עס האָט גענוצט באַשאַפן ווערן, ווען — נ י ש ט אַפן גלייכן וועג...

און, די יאָרן זענען אַלץ געגאַנגען. דער זון איז געוואָרן גרויס; און, מע האָט אים מער נישט געקאָנט אָפּ'פּטר'ן מיט די קינדערשע רייד, ווי אַמאָל... ער קאָן דאָס געשעפט, ווי דער פאָטער, פון קינדווייז־אָן; און — עס הויבט אים נישט אָן צו געפעלן ווערן דעם אַלטנס משונה'דיקע שטיק; וועלכע נעמען זיך וואַרפן אין די אויגן די מענטשן, וואָס אַרבעטן באַ זיי; גראָבן אונטער באַ יענעם די וועררע פונעם הויז; פון דער גאַנצער זאַך... זאָל ער זיך צוריקציען, דער אַלטער, אַז ער איז מיד! — ער, דער זון, שרייט דאָס שוין פון ווען־אָן. און בפרט אַצינד, אַז דאָס געשעפט

איז גרויס אויסגעוואָקסן; געוואָרן סאָליד און פעסט; עס פאָדערט אַ ליטערן קלאָרן בליק פאַר האַנדלען, פאַר טאָן... — זאָל ער אוועק, אַז ער איז קראַנק! זאָל ער פאָרן אין ערגעץ; אין אַ סאַנאַטאָריע; צום ים; אין די בערג; צעשטרייען־זיך; אויסרוען; פּרוּוון קומען צו זיך... שפּעטער, ווען מען זעט — אַז ער וועט צוריקקערן, אַ געקרעפּטיקטער, און געזונט... נאָר, איצט — איז, וואָס פריער ער וועט אוועק, איז — פאַר אים געזינטער...

דער זון האָט געערדט גראָב, אָן רחמנות. ער האָט גערעדט. צוגעזען, וויאַזוי דער אַלטער האָט אים אויסגעהערט; נישט אָפּגעענטפערט צוריק; ער האָט אים בלויז אָנגעקוקט; באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ; און, אַזוי דין, קוים־דורכזיכטיק צוגעשמייכלט; ווי — ער וואָלט אַ ציינד געלאַכט אויס אים; אים אָפּגעשפּעט אינגאַנצן; אַלע זיינע רייד; און — דאָס האָט אים אונטערגעטראָגן. ער האָט געפּאַסט זיין באַשלוס, צו נעמען די זאַך פעסטער אין האַנט; און, דער עיקר — ליגן מער אַכט אָפּן אַלטן — וואָס עס טוט זיך דאָ מיט אים?!...

— אָ, ער וועט אים נישט אויסלאָזן מער פונעם אויג! —

* *

*

ער, דער מיטליאָריקער מאַן פון דער גרויסער שטאָט; האָט צוגעזען, וויאַזוי זיין אייגענער זון הויבט אין אָן ארויסשטויסן פונעם זאָטל; ביסלעכווייז באַזייטיקן פון אַלע עסקים, פון דער פירעכץ. ער מאַכט עס אומגעהויבלעוועט־רוי, און מיט שפּאָט; מעשה גאַסן־יונג. — ער איז אַנדערש נישט געוואוינט: די גאַס איז געווען זיין היים; אין לויף פון די אַלע יאָרן, דאַן, ווען ער אַליין האָט זיך גע׳עסק׳ט מיטן קלעטערן ארויף־באַרג... איצט, נעמט ער אָן אים נקמה, זיין זון; אַזוי — פאַר דער גאַנצער צייט; און, דער עיקר: ער ליינט נישט מער קיין אַכט אויף אים.

אין די אויגן פון די ווילד־פרעמדע מענטשן. ער נעמט אים דערנידעריקן, מיט א כיוון — אז אלע זאלן צוזעען זיין געפאלנקייט, דעם אלטנס; און, וויאזוי ער, דער יונגער מאן, נעמט זיך, אף זיין פלאץ, אליין באקרעפטיקן אין דער מאכט; בייז און שטרענג — מע זאל דאס וויסן און פארצייכענען, אז — ער, שוינט נישט קיינס; אפילו נישט דעם אייגענעם טאטן!...

יא; האט ער דאס אלץ גוט צוגעזען, אונזער העלד; און, מיט חידוש, געמערקט אין זיך גופא דעם שינוי. וויאזוי — ער, ווערט זיך נישט מער. ער שמייכלט גאר צו צו דעם אלעמען; ווי צו א ווילדער פרעמדער זאך. ער אליין לעצוועט עס אפ, איצט, אז ער האט עם ריכטיק דערקאנט; די גאנצע פארבלענדזעניש דערפון; און, ווען ער שעמט זיך נישט, אזוי — צעלאכט ער זיך, שטארק אפן קול אין פונעם גאנצן הארצן — אף זיך אליין; און, פון טויזנטער אזוינע ווי ער; פארפירטע; זיינס גלייכן... וואס־זשע — ער איז מיד, ווייל — שוין טאקע אלט מיט אן אמת? — זאל זיין, ער זעט איין דעם זינלאז פון אפטומלען א לעבן, ביז אצינד; הויז, ווייב, זון — די גאנצע נייע וועלט; צו וואס זי האט דערפירט; און, ער אליין איז דערגאנגען?!...

...ער אליין ווייסט אייך נישט, וואס צו ענטפערן דארויף. ער האט שוין לאנג אויפגעגיבן דעם לעבערלעכן קאמף פון באטאג, פאר זיין דערהאלטן זיך דא, אין דער נייער וועלט; וואו ער האט אזויפיל לעבן אוועקגעגיבן, אף זיך אליין דעם קאפ צו פארדרייען; דאס אייגענע הארץ צו פארבלענדזן מיט א נישטגעשטויגענער וויזיע, א פרעמדער; וואס האט זיך אנגעלייגט אף אים, און זויגט פון אים דאס חיות, דאס ווארעמע בלוט, טראפנווייז; אזוי — אין לויף פון יארן. איצט — באלד, צו שפעט — אז ער אליין האט זיך געכאפט דארויף, טא — וואס בלייבט אים צו טאן? איבערראגניים, צוטרעטן צום קאמף? און, מיט וועמען — מיטן אייגענעם פרעמדן זון; און, דער עיקר — צוליב וואס? — ער פרעגט, אדרבה, זיך אליין: — וואס וועט זיין, ווען ער קומט ווידעראמאל אויף

דער זינגער — וואָס וועט ער איצטער טאָן? אפשר — צוטרעטן צעשטערן דאָס אייגענע הויז? ! ...

נאָר, ער זעט גלייך איין, אז עס וועט אים נישט סטייען קיין כוח דארויף... די מצבה׳ אף זיין פארלוירן לעבן; אזוי זאָל זי שוין שטיין־בלייבן — אומבארירט... אנישט, ווייסט ער דען, וואָס עס טוט זיך מיט אים איצט?... עס האָט אין אים דערוואכט די יוגנט פון אמאָל. אים פון זיין רו בארויבט. ארויסגעריסן פון דעם אלגעמיינעם געלאף פון דער ווייטער פרעמדער שטאָט. אים פעסט אָנגענומען, א שליידער־געטאָן אין דער ווייט. איז ער, אזויווי הענגען געבליבן, צווישן הימל און ערד. פון דאנען אוועק; אין ערגעץ נישט דערגאַן. פארקערט: ער, האלט ערשט אצינד אין מיטן וועג; אין רעכטן גיין. איז, דער עיקר — ער זאָל זיך נאָר האלטן פעסט אָן זיך גופא; זיך נישט אָפּלאָזן מער פונעם אויג... און, דער וועג וועט פירן אהין, צום ציל...

ער האָט זיך קוים דערוואַרט; אין יענעם טאָג, אז דער זון האָט אים בארויבט — אף דער נאכט, און אף דער שפּעטער שעה; אז — ער זאָל זיך שוין קאָנען אוועקלאָזן אהין; צו דער היים פון דער יוגנט... ערשט אצינד; אז עס טיילט זיך אָפּ פון אים דער שווערער בלייערנער טאָג; אלע פיינען פון הויז, זון און שטאָט; אזוי — גייט ער אויף — נייגעבוירן. ער איז דאָס קינד פונעם וואונדער...

* *

...ער נידערט גלייך אין דער טיף;
ער צעשטרעקט זיינע אָרעמס;
ער וואַרפט זיך, אף בלינד, אין האַרץ פון ים...
אָ, די היים; זי וואַרט אף אים;
האָט אויסגעקוקט די אויגן...
זע, זי איז איצט צעשיינט אין טויזנט חנ׳ען;

עס איז איר נישט צו דערקענען...
אַ פרייד אין די גאַסן.
אַלע זיינע חברים, פריינט, גייען אום יום־טוב־דיק אָנגעטאָן;
מע זאמלט זיך אין גרופּן;
מע וואַרט אַף עפּעס;
קענטיק, אַלע קוקן זיך אוים די אויגן...
ער, זוכט ז י ך נאָך צווישן אַלע.
ער זוכט מיט פיבער, מיט האַרצקלאַפּ...
אָ, ניין, זע, ווי ער איז נישטאָ.
אַלע — יאָ; נאָר, ער איינער פעלט...
וואו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אין דער וועלט?
וואו טראָגט עס אים אום, צו אַלדע רוחות,
אַצינד, אַז דאָס גאַנצע שטעטל געפינט זיך דאָ,
אויפגעזאַמלט, קינד און קייט,
און עס יובל׳ט אין פרייד? —
אָ, זאָגט, וואו קען ער זיין, דער אומגליקלעכער?!...

...נאָר, באַלד ווערט שטיל.
אויפגעהערט דער זשום.
אַ פייערלעכער שווייגן.
אַלע קערן זיך אום אַהין, צו דער זייטיקער גאַס...
פונדאָרט גייט ז י, אָן, זיין חבר׳טע פון אַמאָל...
זיין האַרץ צאַפּלט אויף; בלייבט אָפּגע׳חלש׳ט אין גליס...
זי איז פאַרפּוצט אין אַ ווייס קלייד.
אינעם שוואַרצגעקרויזטן קאָפּ — אַ רויטע בלום איינגעפלאָכטן...
עס איז פרילינג אַצינד.
דער לויטערער בלויער הימל, אָן איין שפּרענקעלע כמאַרע אונ־
דערמיט.

די זון פארפלייצט די גאסן מיט ליכט....
זי, די חבר'טע, שמייכלט מיטן גאנצן פנים;
אזוי צעשטראלט גייט זי איצט פאר;
א קינד אף דער זון...
... ז י, ד י מ א מ ע א ו נ ז ע ר ע ...
אָ, די וויזיע פון זיין מאָרגן־רויט, אינמיטן העלן טאָג...
זי שוועבט מיט לייכטן טראָט;
אין האנט, פארוויקלט — די רויטע פאָן;
בא דער זייט — צוויי חברים פון אמאָל,
האלטן איר אונטערן אָרעם...
ביז, מע קומט נאָענט צו.
עם רינגלען איר אלע ארום.
די רויטע פאָן — שוין אויפגעוויקלט; זי נעמט פלאטערן.
מע שליסט זיך אין די רייען.
באלד, און מע רירט פון אָרט...

...היינט טרינקען אונזער בלוט תלינים.
נישט אייביק וועט זיין פאָלקס געוויין.
אויפשיינען וועט דאן אונזער פנים.
און שופטים וועלן מ י ר דאמאָלס זיין.

פאָרויס גייט, פאָרויס גייט, מיט געזאנג.
די פאָן די רויטע איז א פרייע.
זי טראָגט נקמה־בלוט אין איר גאנג.
איר קאָליר איז פון בלוט און פון פייער...

...הייליקער ערנסט פלאטערט בא אלעמען אין פנים.
אזוי, גייט דאָס שטעטל פאָרויס, אין געזאנג...

אַלע יאָר. דאָס אייגענע.
אז עס קומט דער פרילינג, דער ערשטער מאַי, —
אַזוי שיט זיך ארויס
דאָס אָרעמע שטעטל אין די גאַסן;
מיט אַ געזאַנג; מיט פרייד; מיט גלויבן;
זאָגט אָן דער וועלט דעם גרויסן טאָג פון באפרייונג —
— אָ, ער איז נאָענט; ער גייט.
ווער עס האָט אַ האַרץ,
פארנעמט שוין זיינע טריט...

...די מאַניפעסטאציע באַוועגט זיך ענג־געשלאָסן, אין פאָרויס.
זי שוועבט, ווי אַ וואונדער, אַ אַנטפּלעקונג,
אַף די שוימיקע כוואַליעס פון האַרצס געזאַנג...
זי רירט זיך צו דער גרויסער ברייטער גאַס;
צום ראַד פון די קראָמען. פאַרביי דעם מאַרק...
דאָרט. באַ די זייטן גאַס,
שטייען אָנגעדרענגט אַסאַך מענטשן;
מענער און פרויען אין די מיטעלע יאָרן;
טאַטעס מיט מאַמעס, אָרעמע לייט;
וואָס קוקן דאָס צו,
מיט פאַרקלערטע טרויעריקע בליקן, אַ פאַרקלעמט האַרץ,
דעם חלום־מאַרש פון די יונגע פאַרביי זיי...
עך, ווי לאַנג ערשט דאָ אין דעם,
אַז זיי אַליין, יונגע אין פרייד.
זענען געגאַן אין די רייען, באַגלייך מיט אַנדערע;
געזונגען; געשטורעמט אַ וועלט;
געגלויבט און געהאָפט...
ביז, דאָס ביטערע לעבן איז געקומען;

ארויסגעריסן פון דער מיט;
א שליידער־געטאָן ביז צו דער ערד;
געבראָכן, געבויגן, אָן רחמנות, אָן א הארץ...
זיי האָבן געמיינט — דאָס געזאנג פון שטעטל האָט אויפגע־
הערט...

ערשט — ניין.
ווידער קומען אויף די יונגע.
ווי א זאנג א שטאָלצע אפן גאָלדענעם פעלד.
ווי א בוימל שיסט אויף אין וואלד...
די זעלבע פרייד, און דער גלויבן.
אויפגעכאפט דאָס געזאנג פון דורות;
עס ווערט געטראָגן אין פאָרויס.
עס פלאטערט רויט, ווי די פאָן.
עס זידט, ווי דאָס בלוט אין הארץ.
עס ווערט צעצונדן, אזוי ווי דער העלישער יונגער בליק,
וואָס ווארפט זיך איבער,
מיט ליבע און מיט תמימות,
אין די רייען...
דער זון זוכט אָפּ דעם בליק פון דער חבר'טע;
ער שמייכלט צו איר און שיינט...
און זי, די טאָכטער, קיין עין־הרע זאָל איר נישט שאָדן,
לאָזט פארשעמט ארונטער די אויגן;
ווי א בת־מלכה, לויכט זי ארויס פון דער מיט; צורה־מלוכה;
מיטן גאנצן פנים פון גליק...

...און אלעם וועט לעבן, ליבן און בליען
אין פרייהייטס גאָלדענעם מאי...

...טאַטעס און מאַמעס, באַ די זייטן גאַס,
קוקן זיך איבער, דערמוטיקטע; מיט שטוינען.
עס צעוואַרעמען זיך באַ זיי די צורות...
...עס קוועלט אַן דאַס האַרץ;
שלאָגט צו, קענטיק, צום אויג, מיטן דמיון,
די אייגענע יוגנט, ד י צ ו ג ע ש ט י ק ט ע א י נ ע ם ב ל ו ט ...
אַ, זי לעבט נאָך אין יעדן; נעמט אויפוואַכן, ווי אַ פאַרשטאַרטער געפריר...

באַלד, באַוועגן זיך די ליפּן באַ די עלטערע;
ווי אָפּהענטיק, גייט מען נאָך
דאָס געזאַנג פון די קינדער...
ביז, מע רירט אַליין פונעם אָרט;
האַסטיק אויפגעפּראַלט, ווי אויסגעשאָסן פּאַראַמאַל;
מע גיסט זיך אַריין, מיט שטורעם, אין די רייען,
פאַרמישט מיט דער יוגנט.
איין געזאַנג כאַפּט אַרום טאַטע־מאַמע און קינד;
הויבט אונטער און טראָגט אין פאָרויס.
איין לעבן, איין פרייד.
איין גורל פאַר יונג און אַלט...

...ביידע זייטן גאַס בלייבן שטאַרק שיטער;
אַזויווי אָפּגעליידיקט פּאַראַמאַל.
עס שטייען נאָך דאָרט קרעמערישע יונגעלייט;
האַלב־אינטעליגענטלעך שטעטלשע אַלערליי;
קוקן נאָך דער פּראָצעסיע
מיט האַלב־ביטול, האַלב גוטמוט אינעם בליק...
זיי, די קלוגע, ווי עס זעט אויס,

וועסטו שוין דעם קאָפּ נישט פארדרייען
מיט חברים־און־חבר'טעס־פּסיכאָז.
קינדערייען.
זיי ווייסן, פונוואנען עס שטאַמט דער טעות.
זיי וועלן עס אייך, צו יעדער צייט,
דערווייזן — די נישט־אויסגעהאַלטנקייט דערפון.
— די מאַסע, און די אינטעליגענץ — צוויי זיילן.
אזוי איז דאָס;
אזוי, מוז עס אייביק פארבלייבן.
„ניקס צו מאכן, מיינע הערשאפטן...״
נישט מער — איינמאָל אין יאָר,
מאָג מען זיך פארגינען אָט דעם קינדער־ספּעקטאַקל אויך;
דאָס בעטלער־געזאנג אין מאַרש...
— איר פארשטייט? — פון ריין־עסטעטישן שטאַנדפּונקט גענומען...
עס איז שיין און רירנד;
און, טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז אייביק...

...און, זיי רירן אויך פון אָרט, די אינטעליגענטן;
געמען נאָכגיין די פּראָצעסיע, בײַ דער זייט;
אליין, מיט גע'ישוב'טן געמאָסטענעם טראָט;
מיט פיל ווערדע צו זיך, און מיט טאַקט...

...„ווער ווייסט?
אפשר, גייט ער דאָ אויך אום אינדערמיט,
צווישן זיי, די אויפגעקלערטע און באַלויכטענע,
בײַ די זייטן פונעם וועג?...
געקומען פארנעמען, צום לעצטן מאָל שוין,

דאָס געזאַנג פון געוועזענע חברים —
בעפאָר, ער פארלאָזט אף אייביק די היים,
אוועק אין דער גרויסער וועלט, צום זיג?!...״

...איצט, פארנעמט זיך די מאַניפעסטאַציע,
און זי קומט ארוים צום סאָבאָר־פּלאַץ;
דאָרט, וואו עס שפּילט דער אָרקעסטער,
און זעלנער מארשירן, אין א טאָבעלנע טאַג;
און, זי פארהאַלט זיך פּלוצים אין גאַנג,
בלייבט שטיין. וואָס איז געשען?!

...קיינער ווייסט נישט.
עס טרעט איין א פיינלעכע שטילקייט אין ארום.
אנגסט, געוואקל בא אַלעמען אין צורה...
עס דערטראָגט זיך א דומפּיקער שאָס,
אזויווי פון דער געדיכטער מ י ט ארויס,
פון צווישן די אייגענע רייען...

...„— א פ ר אָ וו אָ ק אַ צ י ע, ח ב ר י ם ... א ל ו מ פּ — א י נ ד ע ר מ י ט !..״ —

פון א זייטיק געסל, הינטערן סאָבאָר,
טראָגט אָן א מחנה רייטער־פּאָליציי;
לאָזן זיך, מיט די צעווילדעוועטע פערד,
די בלויזע סאַבלעס אין האַנט, גלייך אפן עולם;
שפּאַלטן די עדה;
רייסן זיך אריין אינדערמיט;
נעמען שניידן אף אַלע זייטן;

טרעטן די אומגעוואלגערטע אף דער ערד;
הודזשען אליין אויף מיט ווילד־צעיושעטער רציחה...
פארצווייפלטער יאָמער און צאפל גרוילט אויף די לופט...

...„— ד י פ אָ ן, ח ב ר י ם!... ר א ט ע ו ו ע ט א ו נ־
ז ע ר פ אָ ן !...״—

זי, די חבר׳טע, בלייבט שטיין , איינע אליין,
אפן אָרט, וואו מע האָט איר פארהאלטן;
מיט דער אויפגעפלאטערטער פאָן אין די הענט;
אָן איין טראָפן בלוט אין פנים;
א ווייס־שטאלטנע, א באנומענע;
מיט ווילד־פארבלענדעטע בליקן פארשטארט...
עס האָט איר איצט קיינער נישט דערהערט.
קיינער, אָ, קיינער, איר הילפס־רוף נישט פארנומען.
איר, א י י נ ע א ל י י ן, אף הפקר געלאָזן;
אף מערדערס באַראָט...
נישטאָ מער קיין חברים ארום איר,
הארציקע, געטרייע...
מע יאָגט זיך אין אלע עקן,
אין פאנישער שרעק,
ראטעווען דאָס אייגענע לעבן...
אָבער — ניין. זי רירט זיך נישט פון דאנען.
בלייבט אפן אָרט!... —
זי שטרעקט זיך אויס, מיט שטאָלץ;
אין איר גאנצער הויך;
פארביסן די בלוטלאָזע ליפן;
זי שליסט די אויגן צו;

און, זי פארשטעלט דאָס פּנים מיט דער פאָן...
אזוי, אָ, ווארט זי אָפּ דעם טויט...

...ארום איר ווערט ליידיק — אימה'דיק שטיל.
איין רייטער, יאָגט אָן
פון דער אָפּגעלעגענער געדיכטעניש אין ארום.
אָן איבערגעקערטע צורה, אַ פּרעכע, אַ צעיושעטע;
די אויפגעהויבענע סאַבלע אין פאָרויס, —
לאָזט ער זיך אויף איר, אין ווילדן גאַלאָפּ...

...און, אין ד ע ר רגע —
וואקסט ע ר אויס,
ווי פון אונטער דער ערד.
ער קומט אויף לעבן איר;
צווישן דעם רייטער און איר געשטאַלט,
פארהילט אין דער פאָן...
אַ שרעקלעכער זעץ פון דעם זעבל,
אַ טעמפּער שטויס דערלאַנגט אים איבערן אַקסל;
נאָר, עס געלינגט אים בלייבן אויף די פיס.
בליץ־שנעל איז ער לעבן רייטער.
ער שליידערט אים פונעם פערד צו דער ערד.
ער ווארגט אים דעם גאָרגל מיט שטאָלענע צוואנגען, זיינע הענט.
ער זעט צו אליין,
מיט וואנזיניקער פרייד,
יענעמס איבערגעקערטע צורה, דעם הינטישן זונס,
ווערט גרין און בלוי; כראפּעט מיטן טויט...

...ער, קערט אום צו איר...

דאָ, באַלד מוז זי זיין...
מיטן זעלבן האסט, ווי פריער,
הויבט ער איר אויף פון דער ערד;
פון דעם אָרט, וואו זי ליגט, א פארשטאַרטע
פאר שרעק — א פארוואונדעטע,
אפשר, צום טויט... — נאָר, די פאָן
אין אירע הענט בלייבט פארפרעסט;
און, ער ציט אָפּ פון דאָרט, ער אנטלויפט...

...נאָך די זעלבע נאַכט,
מוז ער עוקר־זיין פונעם שטעטל;
אוועק פון דער היים;
ראטעווען דאָס אייגענע לעבן.
ער לויפט איצט אין דער וועלט אריין.
ער לויפט אליין, אָן איר.
נאָר, די פאָן, א פארבלוטיקטע,
מיט זיין און איר בלוט געמישט,
טראָגט ער מיט זיך...
אָ, ער האָט אָבער געוואוסט,
וואָס מיטצונעמען אין דער וועלט אריין!...
ער, בלייבט קיינמאָל נישט אליין.
אומעטום, איבער זיין לעבנס־גאנג,
באַגלייט זי אים, די בלוטיקע פאָן פון דער יוגנט;
זאָגט עדות וועגן דאָרויף,
וואָס מע איז אלץ אליין אמאָל געוועזן;
אויך געלעבט; אויך געקעמפט, מיט לייטן גלייך;
דאָס אייגענע לעבן געשטערקט —
— קיינעם נישט פאַראַטן, דו הערסט?!...

...נאָר, וואָס מיט א י ר איז געוואָרן,
און מיט זיי, די חברים, דאָרט, אין דער היים, —
אָ, דערפון ווייסט ער גאָרנישט;
ער האָט קיינמאָל, ביז אַצינד, נישט געפּרוּווט דערגיין...
צי לעבן זיי נאָך, זיינע טייערע און הארציקע?
גייען זיי אום אַף דער פריי?
און, אַלע יאָר, אַז עס קומט דער פרילינג;
לאָזן זיי זיך, ווי פריער, ארויס
איבער די גאַסן פון שטעטל; יונג און אַלט;
געשלאָסן אין רייען; זינגען זיי אויס
פאר דער וועלט, אָ, דעם גלויבן
פון אייגענעם הארץ אין פרייד און אין גליק...
עס איז אַלט דאָס געזאנג, ווי די וועלט;
און — אייביק יונג.
עס פארגייט, און שלאָגט אויף ווידער
פון איטלעך פארפייניקט הארץ.
עס קריגט צו קרעפטן מיטן זינגען אַליין.
עס טויכט אויף פון יעדן עלנט.
עס בליט אויף פון יעדן שטיין...

*   *

...אין יענער נאַכט, אין דער זייער־שפּעטער שעה;
האָט עס לאַנג זיך געצויגן, דאָרט,
בא די ברעגן פונעם ים.
די טונקעלע כוואַליעס האָבן א י ם פארשלונגען
און, גאָרנישט געדענקט אים אָפּגיבן צוריק.
זיי האָבן אומרואיק צוגעשלאָגן אלעמאָל צום ברעג;

געפּלעסקעט־געשוווענקט די יבשה;
און, מיט ליידיקן, אָפּגעלאָפן צוריק אין דעם חושך...
דער שווערער בלייערנער הימל;
בלינד אינגאַנצן, אָן א לבנה;
איז אצינד געהאָנגען גאַנץ־נידעריק איבערן ים;
געשטיקט זיך אין עלנט;
געטאָפּט אין דער פינצטער;
געשטרעקט זיך, געצויגן אַראָפּ, געזוכט;
גרייט די נשמה אָפּגיבן;
נאָר — באַהעפט צום ים זאָל ער ווערן...

...ביז, עס האָט די לעצטע שעה אויסגעשלאָגן.
די טונקעלע וואַסערן האָבן שטאַרקער אויפגערודערט;
דאָרט, אויף יענעם אָרט,
וואו ער איז פריער פאַרזונקען.
זיי האָבן זיך צעטיילט;
און, זיין צעשויבערטער קאָפּ איז אויפגעקומען אויפן וואַסער.
ער האָט זיך פאַרהאַלטן, א ווײַלע, אויף איין אָרט;
זיך אומגעדרייט אין אַלע זייטן, ווי נאָכגעזוכט, געפאָרשט...
...ער קומט פאַר איצט, אזוי־ווי זשאַן־וואַלזשאַן,
אַנטלויפט פאַר זיינע פאַרפאָלגער
און, ער שיצט זיך אונטערן דעק פון ים...
ביז, ער פאַסט מוט;
ער הויבט זיך אַרויס; נעמט שווימען צום ברעג.
דאָ, קומט ער אַפער, ספּריטנע־יונג, אויף דער יבשה.
ער קערט זיך אום גלייך צום ים;
א געשטרעקטער, א שטאַלטנער;
צעעפנט ברייט די אָרעמס;

און — עס צעפּלאַטערט זיך מיטאַמאָל
אַ גרויסע פּאַן איבער זיין קאָפּ;
ווערט אויפגעכאַפּט פונעם נאַכט־ווינט;
אַנגעלאָדן מיט שטורעם;
אַז, עס נעמט אים טראָגן אין דער לופטן.
נאָר, ער שטייט איצט פעסט,
באַם ראַנד פון אָפּגרונט;
מיטן פנים געשטרעקט צו דער נאַכט;
אַליין, דאַכט־זיך, צווישן הימל און ערד;
אַ צעווינטיקטער זייל, אַ טורעם.
ניין; פונעם אָרט רירסטו אים נישט...

*　　　　*

*

אין לויף פון דער צייט; האָט ער, דער פרעמדער, נאָך אַהין צוריק־געקערט, אַסאַך מאָל; צו יענעם אָרט, צו יענעם טאָג, צו יענער שעה אין זיין לעבן; ווען דער פאַרצווייפלטער גערANגל האָט אים פאַריאָגט פון דער היים...

...ער האָט, נאַכט־באַ־נאַכט אַזוי; געזונקען אין דעם ים פון פאַר־געסנהייט; פאַרביסן, עקשנות׳דיק, פאַרביטערט געגראַבלט און געגרונ־טעוועט אין דער, מיט־די־אייגענע־הענט־אויפגעריסענער, פאַליש־וואונד פון זיין פאַרגאַנגען לעבן; געזוכט אַ רעטונג, אַ דערלייזונג פאַר זיך; אַ שטראַל האָפענונג... ער האָט, אָבער־און־ווידעראַמאָל, אויפגעכאַפּט יענע געזאַנג; יענעם לעצטן טאָג פון פרייד און גלויבן אין דער היים; ווי־אַזוי דער לויטערער טאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר אים; און, וויאַזוי ער האָט זיך פאַרענדיקט... שוין. און, וואָס ווייטער?!...

...עס האָט גאָרנישט געהאָלפן מער

זיין נאַכזוכעניש, זיין פאַרצווייפלונג.
ער האָט אויפגעוויכן דעם גאַנג, אינדערהיים מער
נישט געקאַנט.

די נאַכט האָט זיך אוועקגעשטעלט
פאַר אים — אַ פינצטערע וואַנט;
נישט צוגעלאָזן מער אַהינצו...
אָ, ער איז גוט געווען זיכער,
אַז דאָרט, פון יענער זייט וואַנט,
שלאָגט אַ לעבן ווידער אויף,
מיט פרייד, האָפענונג, און גלויבן.
אַ יונגט פאַרגייט; אַ יונגט גייט אויף;
ציט ווייטער דאָס גרויסע געזאַנג פון באַפרייונג...
נאָר, ער אַליין;
אַז ער וויל נאָר צוקומען אַהינצו;
ווען עס צעטראָגט אים דאָס האַרץ —
— זיך אַליין דערזעען דאָרט אינדערמיט;
צווישן די אייגענע, גיין,ווערן מיטגענומען מיטן שטראָם, —
אַזוי, בלייבט ער שטעקן הינטער דער פינצטערער וואַנט;
עלנט, אַליין אין דער וועלט.
ער הענגט איבערן אָפּגרונט; צווישן הימל און ים.
עס אָטעמט אַף אים דאָס פינצטערניש פון אויבן.
עס שווענקט דער תהום און פלעסקעט דאָרט
אונטן, אין דער טיף
די בלינדע גרעניץ פון זיין לעבן.
ער פלאָטערט אום אינדערמיט פונעם חשכות;
שלאָגט מיטן קאָפּ אָן דער טויבער וואַנט —
— עס וויינט אין אים דאָס האַרץ פאַר קלעם;
נאָר, עס קומט פון דאָרט קיין ענטפער נישט...

...אָבער, פּלוצלינג ווערט שרעקלעך שטיל.
גאַנץ טיף און פאַרטייעט, אַז ער בלייבט;
ער פאַלט צו מיטן פּנים צו דער וואַנט;
ער שאַרפט אָן זיין געהער אַף אַדורך,
וויפל עס סטייעט אים כּוח, —
און, עס קומט אים פאָר — אָ, פרייד פון זיין האַרץ! —
— ער פאַרנעמט דאָס געזאַנג...
פון י ע נ ע ר ז יי ט קומט עס.
עס ציט, ווי אַ פּראָצעסיע, אין גאַנג...
עס קומט צו נעענטער;
שלאָגט־אָן אָן דער וואַנט, שטאַרקער;
עס באַפאַלט זי פון אויבן ביז אַראָפּ;
עס שפּרייט זיך דאָס געזאַנג איבער איר,
און עס זאַפּט זי שוין אַדורך — באַנאַנד
מיטן טרערן־קוואַל פון זיין האַרץ...
אָ, באַלד צעשווימט די וואַנט פון דער פינצטער;
דאָס געזאַנג גיסט זיך אויס איבער זיין קאָפּ, איבער אים;
עס פאַרפּלייצט אים;
עס טראָגט אים אונטער; עס נעמט אים מיט...

...נאָר, ווײ. עס נעמט זיך פון דאָרט דערווייטערן;
עס קומט אוועק; אָ, עס גייט אָפּ;
באַלד. ווי זיין האַרץ — אין בלוט;
און, עס בלייבט נישט מער.
שטאָק־פינצטער. גרויל. שאַלקהאַפט.
עס איז אַרום טויט־שטיל...
פּלוצים; און עס פּאַסירט מיט אים אַליין עפּעס שרעקלעכס.
ער, שפּיצט זיך אויס, ווי לאַנג ער איז.

בלייבט אויסגעקרומט די צורה, אזויווי א לץ אן אלט־געשייטער.
און, ער זעצט ארוים אין דער נאכט אריין
מיט אזא קלאָגעדיק שפּאָט־געלעכטער;
עס ווארט אים אין קדחת פון אויבן ביז אראָפּ;
עס כאָרכלט מיט אים,
באלד קערט זיך איבער די גרינגע גאל...
אָ, כא־כא־כא... דאָס שפּעט ער אויס־אלץ;
גאָט, מענטש און טייוול;
היים, געזאַנג, מיט אנאַנדער;
נאכט, פינצטערער תהום;
בלינדע פארפלוכטע וואנט...
...אָ, כא־כא...
נאָר, באלד כאפּט אים אויף א ווילדער שטורעם;
רייסט אים אוים פון דאָרט;
טראָגט אים אוועק ווייט, אין אלדע עקן וועלט;
לאָזט אים אליין איבער אין א ווינסטער פרעמדער שטאָט;
אפן הימל א יאריד...
דאָרט, קיינער קען אים נישט;
ער — קיינעם נישט.
ער בלאָנקעט אומעט אין די גאסן,
עלנט, אָן קינד און קייט...
עס איז בא אים פארפרעסט דאָס הארץ, ווי א שטיין.
נישט, ער רעדט צו קיינעם א וואָרט,
דערציילט פון זיין צער.
נישט, מע וויל זיין לשון פארשטיין;
אים גלויבן אליין; אים אויסהערן גאָר...
מע טרייבט אים, מיט שפּאָט, פון אומעטום...
אויסגעריסן פון וועלט און היים...

כאָטש — נעם, ווי א בעטלער, זינג־אויף
דיין בראָך; צעגיי זיך אין געוויין...
אָ, זאָגט — וואוהין זאָל ער גיין?!...

דריטע טייל

דער ים רופט.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט־שעה;
אַז דער עלנט אין דער וויסטער גאָטלאָזער שטאָט
נעמט אפּערקומען פון איטלעכם הארץ;
וויינט אַראָפּ פון יעדנס צורה, בא יונג און אַלט;
שלאָגט ארויס פון איטלעכנס בליק...
אין דער שעה, ווען קיינער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען,
פאַר אנגסט;

עס פארגייט דער סאָציאַלער טאָג, מיטן טאָן;
און, עס שלאָגט אויף אַזאַ דעמערן־לויטערקייט אינעם רוים;
אַזאַ דורכזיכטיק־ווייטע זעונג שפּרייט זיך צו דיין בליק;
ראַשט אויף פאַר דיין הארץ;
נעמט אוועק דעם פאַרדאַמטן טאָג־שלייער פון דיין געמיט;
שפּרייט אַזאַ זעלטזאַמע מילדקייט
איבער די לייטזעליק צוגעשטילטע כוואַליעס פון דיין בלוט...
...אָ, ווער שוועבט איבער זיי אַצינד;
ער גלעט זיי מיט זיין היילנדן טראָט?!...
און, דו שליסט די אויגן צו;
דו, עלנטער קלוגער ליץ
פון דער שטאָלצער הימלשטייגענדער שטאָט;
דו פאַלסט אַף דיין פּנים, און אין שטויב;
דו ברעכסט צוזאַמען אין געבעט...

אָ, גאָט פון מיינע יונגע טעג;
פאַרלאָז מיך נישט אַצינד.
אָן דיר, איז מיין לעבן צו גענעם געשאלט...
אָ, גאָט פון מיין היים,
מיינע חברים און פריינט פון אַמאָל;
מאך צוריק אויפגיין מיין הארץ
אין גלויבן צו דיר;
מיט דער וויזיע פון דיר;
וואָס שפירט דיך, א זון, אויפגיין־פארגיין אין מיין געמיט;
ריזלען דורך מיין בלוט;
באַגליקן מיט פרייד און מיט פיין;
באפרוכפערן מיין אלטעגלעך זיין...

איינמאָל, אין אזא עלנט־פארלאָרענער אָוונט־שעה;
ווען די שטאָט בלייבט שטיין, פלעצלעך געליימט;
געטונקט אין בלוטיקן קאָשמאר
איר פילשטאָקיקער מצבות־וואלד;
און, עס נעמען זיך ארויסשיטן פון אומעטום, אין געאייל,
מענטשן־קינדער, יונג און אַלט;
ווי פון אונטער דער ערד,
פארשניטענע לעבנס פאר דער צייט;
ווי מתים, אוים די קברים אפער,
וואו זיי האָבן געברענט, דורך דעם טאָג, זייער מארך פון די ביינער;
שפּאַר־זאפט, לעצטן אָטעם־צוג;
איצט, ווערן זיי אויסגעשפּיגן — זיי, די שאָלטיקעס,
די לצים־נאַקעט, אין דער וואלפורגיער נאכט אריין;
צוצוברענגען די פאָר שעה, די הפקר־צייט.

אין געפייקל און אין געטאנץ;
אויסצוברענען די קאָקאָאינען־פרייד;
לעצטער ספאזם, אויס די פארפוילטע לענדן אפער;
אין געאָרעם און געוויגט ;
געפרעסט די זונה צום הוילן הארץ ;
געכאָכאָטשעט איר, דער עלנטער צויג,
און געבראקעט גלייך אין דער צורה —
— ווער זיבן־מאָל־זיבן געשענדעט צו מיר,
ד ו, מ יי ן ב א ש א ה;
אהער, מיט דיין פרייד, מיט דיין הארץ, מיט דיין פלאם;
ארויס פאר מיר נאַקעט־שיין,
מיט דיין גאַנצער קונסט, דיין צויבער־פּראכט;
אזויווי א קינד, יונג און פרום;
אזויווי א פרעכע צויג, פארשייט און מיט שפאָט;
גאָרנישט פארהויל; בלייב נישט שטיין;
און, זינג נאָך מיר...
אז איך פייניק דיך, איך פייניק זיך אליין;
וואָס דו האָסט נאָך טרערן אין דיין הארץ;
פארגייסט, ווי א קינד, אין געוויין;
וואָס איך זינג, אָ, אָן דיר —
איז מיר פינצטער, וואָס איך פארזינק אליין...

אין איינער אזא אָוונט־שעה; ערב־פרילינג איז דאָס געווען. האָט דער מיטליאָריקער מאַן פון דער גרויסער שטאָט פארלאָזט זיין הויז; זיך־געלאָזן גיין, אָן א באשטימטן ציל, איבער די באלויכטענע רוישיקע גאסן; געוואָרן אליין מיטגעטראָגן מיט מענטשן־שטראָם. אין אים איז איצט געווען נישט צו דערקאָנען יענעם געבראָכענעם מאַן, וואָס איז אונז באוואוסט פון פריער. ער איז אצינד פאָרגעקומען צוגעפוצט, פאר־

גלעט; געגאַן אַזוי נאָכגעלאָזן, וואָויל; זיך לייכט געוויגט אין אַלע זייטן. ער האָט געטראָגן אַ שמייכל אויף די ליפּן, אין די בליקן, איבערן גאַנצן געזיכט; זיך געוויזן אַזוי איידל־צוגעלאָזן־מילד, און מיט אַ זעלטזאַמער באַרייטקייט אייך צו דינען; גיין אַנטקעגן אייער פאַרלאַנג... אין דער מ י ט פון דעם מענטשן־געדרענג — פאַרפּוצטע מענער און פרויען, וואָס גייען באַנאַנד און באַזונדער — האָט ער זיך פאַרהאַלטן אַזוי אומשולדיק־פריי, און זאָרגלאָז געוואָרפן זיין בליק אומעטום, — אַז מע האָט זיך נישט געמוזט זשענירן פאַר אים מיט אַ וואָרט, אַ בליק; ווייל, עס איז געווען גוט קענטיק אפן האַנט, אַז — אָט דאָס מענטשל, וואָס גייט, דאַכט־זיך, מ י ט אָט־אַ־דאָ־אָ, — פאַרטראַכט זיך עפּעס אַזוינס לוס־טיקס און פרייליעכס, וועלכעס שפּאַרט אָן אין ערגעץ, אַ, גאַנץ־ווייט פונדאַנען... און דערומער, האָט מען אים נישט געשאָנקען מער קיין אויפמערקזאַמקייט; זיך־אָפּגעגיבן איטלעכער מיט דאָס זייניקע...

אָבער, דאַרויף, קענטיק, האָט ער דאָס אויסגעקוקט, אונזער העלד; זיין רעכענונג, אַ ודאי, געמוזט זיין — צושטיין אומעטום אומבאַמערקט, אָן פאַרדאַכט; אויסהערן, אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַ בליק; ביז, ער וועט נישט דערגיין זיינס...

וו אָ ס ־ דען האָט ער געזוכט?!...

ער איז מיטגעגאַן אינעם מענטשן־געווימל, באַגלייך מיט אַלע; זיך־פאַרהאַלטן דאָרט, וואו דער שטראָם; אַמאָל, בא קונציק־באַלויכטענע שויפענצטער פון גרויסע געשעפטן; אַמאָל, באַם אָנקוקן עפּעס אויסטערלישס, וואָס האָט פּאַסירט מיט וועמען אינמיטן גאַס. דערביי... האָט ער זיך, אויסערסט־פּאָרזיכטיק, צוגעשאַרט אין דאָרט, וואו אַ יונגע פרוי איז געהאַט שטיין געבליבן; געקוקט, באַגלייך מיט אַנדערע. הינטער איר איז ער פאַרבליבן, אינעם אַלגעמיינעם געדרענג; נישט געקוקט צו איר, חלילה; זיך נישט פאַראַטן אפילו מיט דער ברעם; און, אין געהיים, און מיט געפערלעכן האַרץ־קלאַפּ — האָט ער אַריינגעאָטעמט אין זיך איר ריח, וואָס איז געקומען פון אירע האָר, פון איר נאַקן און, דורך איר

קלייד, פון איר גאַנצן וואונדער־לייב; אים געמאַכט פאַר'שיכור'ן, מיט אַ זיסן שווידער; באַלד, נישט צום ווידערשטיין...

אַזוי, איז ער נאָכגעגאַנגען אומעטום און געזוכט. ער איז נישט מיד־געוואָרן. גראַדע פאַרקערט. ער איז, וואָס אַ טאָג, געוואָרן געשוואָלטער, שלויער און דרייסטער. אַז, ער האָט זיך פאַרלייגט!...

*　　　　　*

איינמאָל, אַז ער איז געפאָרן אין ערגעץ מיט אַ קאַטש; האָט זיך געזעצט לעבן אים אַ יונג פאַרפוצט מיידל; אַ טונקעלע טאָכטער פונעם לאַנד. זי האָט געקוקט גלייך פאַר זיך; זיך פאַרהאַלטן שטרענג, ערנסט. אים אַליין איז אויסגעקומען זיצן לעבן פענצטער; און, ער האָט גאָר־נישט געקוקט אין איר זייט; געהאַט פאַר זיך דעם דרויסן.

נאָר, מע איז געפאָרן לאַנג. באַ איטלעכן לייכטן טרייסל פונעם קאַטש, איז זי צוגעוואָרפן געוואָרן צו אים; און, איר וואַרעמער פוס האָט אָנגערירט זיינעם; זיך־באַהעפט מיט אים; שוין נישט געוואָרן אָפּגע־שיידט... גאַנץ צופעליק, באַ אַ צווייטן טרייסל פונעם קאַטש, האָט זיין האַנט זיך פאַרבייגעגליטשט איר שויס, גלייך אָוועקגעקומען; אַז, זיין האַרץ האָט צוגעשלאָגן, געבליבן אָפּגעבריט פון שרעק... שטיל, ווי פאַר זיך, האָט ער פאַרצויגן אַ פּאָפּולער ליד, אין איר שפּראַך; און זי, אַזא שטרענגע און ערנסטע, האָט געמוזט גוט שפּירן, וויאַזוי — ער זינגט דאָס פאַר איר...

ביז, דער קאַטש האָט זיך פאַרהאַלטן; און זי, די פרעמדע, האָט זיך געריכט אויפצוהויבן, אָפּצושטייגן. איין אויגנבליק האָט דאָס גע־דויערט. ער האָט זיך דערוועגט און, מיט דער האַנט, איר איידל אַ גלעט־געטאָן איבערן אָרעם... איר בייזער בליק האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אים, גרייט אים... נאָר, זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט זיינע פייכטע שוואַרצע בליקן, פול מיט געבעט פאַר איר; געטריי, ווי אַ שטומע צונג...

זי האָט אים אָנגעקוקט, דעם פרעמדן מאַן. זיי האָבן זיך ביידע באַטראַכט, אָפן און פריי; צום ערשטן מאָל, פאַרן לאַנגן צוזאַמענפאָרן. און, געוויס אויך, צום לעצטן מאָל... און, זייערע בליקן האָבן זיך, קוים־אָנזיכטיק, אין דער טיף, צעשמייכלט. אַזוי, זענען זיי זיך צעגאַנגען.

זי איז אָפּגעשטיגן און אַוועק. ער האָט איר נאָכגעקוקט, די ווײַלע, וואָס זי איז, פונעם מיט־וועג, אַרויף צום טראָטואַר; גענומען זיך דער־ווייטערן. זי איז געווען אַ שטאַלטנע און שלאַנק; און איר פולער רייפער קערפּער, אין אַ שוואַרץ־באַטיסטן קלייד, וואָס האָט ווי אָנזעעוודיקער־געמאַכט אירע פאַרונדעטע פיס, — האָט זיך געוויגט אין די באָקעס אַזוי באַ'טעמ'ט; ביז, זי איז פאַרשוואונדן אין דער טונקל...

זיין קאָטש האָט געריררט פון אָרט, געפאָרן ווייטער. דאָס האָט ער אים געפירט צום ברעג־ים; ווייט, אויסער דער שטאָט; וואוהין ער האָט זיך, אַצינד, ערב־פרילינג, געמאַכט די געוואוינהייט, יעדן אָפּדערנאַכט, אַראָפּצוכאַפּן, אַף גוטע פּאָר שעה; אומגיין אַליין מיט זיך; פאַרברענ־גען, נאָכטראַכטן. הגם, אַלץ אינעם זעלבן מענטשן־געדרענג, צווישן מע־נער, פרויען און קינדער, אַזויווי דאָרט, אין דער שטאָט, — דאָך, איז עס אים דאָ פאָרגעקומען אַנדערש, אין דער טונקל, באַם קילן ווינטל, וואָס האָט געווייעט פונעם וואַסער כסדר, און געגרייכט אים אומעטום, וואו נאָר ער איז געגאַנגען און געשטאַנען. ער האָט זיך פאַרלוירן אי־נעם ארום; אומגעבלאָנקעט איבערן בולוואַר, וואָס קעגניבער דעם ים; געלאָזן מיט די ווייטע אָפּגעלעגענע אַלייען; אַליין, צווישן די הויכע שלאַנקע באַבלעטערטע בוימער; צוגעפאַלן צו זייער שטאַם, צעעפנט ברייט די נאָזלעכער, טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך זייער בליט און זאַפט; גע־שפּירט, וויאַזוי דאָס האַרץ אין אים הויבט זיך, דערוואַכט; עס גייט אויף...

נאָר, לאַנג פאַרבלייבן דאָרט האָט ער נישט געקאָנט. אים האָט אָנ־געיאָגט ביז אַהער דאָס קילע ווינטל פונעם ים; אַ גלעט־געטאָן איבערן קאָפּ, די באַקן; אים גערופן מיט זיך. און ער, אַ געהאָרכזאַמער, האָט

געפֿאָלגט; איז מיטגעגאַנגען... וואָס אָן אמת, האָט אים דער ים געצויגן מיט אָן אומווידערשטייליכער קראַפֿט. ער האָט גענידערט, מיט די שטיינערנע טרעפּ, וואָס באַם ברעג, און זיך אַראָפּגעלאָזט, העט, ביז צום וואַסער. דאָ איז ער געבליבן זיצן, לאַנג און אומבאַוועגלעך; געקוקט אין דער שוואַרצער פֿינצטערער טיף; און אין דער ווייט, אַף די לאָקנדע פֿייערלעך אין דער נאַכט... דער ים האָט געאָטעמט צוגעשטילט, דרעמלענד; צוגעשלאָגן־געפּלעסקעט מיט די כוואַליעס צו דעם שטיין פֿון ברעג; צו ז יי ן ט ר אָ ט; אים געשוועוקט אָן־אויפֿהער; אים געגלעט... דער ים האָט גערעדט, אַזוויווי דורכן שלאָף, צו אים; וו י ד י ה יי ם... און זיין דרעמלענד האַרץ; ער האָט דאָס געשפּירט; האָט יענץ לשון פֿאַרנומען, וואָרט־בײַ־וואָרט; אָפּגעענטפֿערט... אַזוי, אין דער שטיל, האָבן זיך אַדורכגערעדט, זיי ביידע, היים און מענטש; פֿאַרשטאַנען...

גאָר גרויס איז געוואָרן זיין פֿרייד, אַז דער ים האָט אַ צי־געטאָן שטאַרקער; אָפּגעלייגט אַלע מחזקות אָן אַ זייט; ער האָט דערוואַכט פֿלוצים פֿון זיין דרימל; זיך־צעוועקט, אַרומגעקוקט — וואו איז ער דאָ אין דער וועלט?!... ער איז, קענטיק, גאַרנישט געבליבן צופֿרידן אין זיין לאַגע, וואו ער איז; מע האָט אים איינגעוויגט, פֿאַרשטילט; און, אַ צעצאָרנטער, האָט ער אויסגעשאָסן פֿון דער טיף... איבער אים דער ווינט האָט זיך פֿאַרצויגן שטאַרקער; זיך־צעפֿלאַטערט אַרום־און־אַרום...

ער, אונזער נאָמענלאָזער העלד, האָט צוגעזען, וויאַזוי מענטשן פֿון אַלע זייטן נעמען לויפֿן, יאָגן אַהיים... אָט, באַלד פֿאַרנעמט זיך אַ שטורעם... און, ער איז געבליבן צעפֿרידן. אַליין וועט ער זיין מיטן שטורעם, מיט דער נאַכט; אַליין, מיט זיין האַרץ און מיטן ים... ער האָט טיף און פֿריי אָפּגעאָטעמט... זיין פּנים ווערט באַגאָסן מיט אויסטערלישער פֿרייד. זיין בליק — צעצונדן, ברייט־צעעפֿנט, צערייצט. זיינע אָרעמס, געשטרעקט אין פֿאָרויס. אַזוי, הויבט ער זיך אויף פֿון זיין אָרט, אין דער נידער, בײַ דעם שטיין־ברעג, וואו די כוואַליעס שלאָגן־צו אַלץ־שטאַרקער; ער באַשטייגט די טרעפּ; בלייבט שטיין אָנגעשפּאַרט בײַ דער שטיי־

נערנער וואנט, הארט באם לויכט־טורעם; מיט דער צעפלאטערטער פאַן באם שפּיץ... ער שטייט, מיטן פּנים געווענדעט צום ים; אַליין, אַן אויפגעראשטער; און צעשטורעמט, קענטיק, ביז צו דער טיף...

ערשט, דער ים האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין לעטארגיע;
דעם פארשאָלטענעם צויבער; פון זיין הינער־פּלעט;
ער איז געקומען צו זיך, אויסגעברומט פון דער טיפער ברוסט
זיין שוימיקן וואוט אין דער נאכט אריין;
אָ, ניין, ער וועט אָניאָגן די פארלוירענע צייט,
אין פוילן פארפלוכטן דרעמל;
אַט, און ער וועט זיך אָנגורטן
מיט לעצטן כוח, מיט העכסטן פּרוואוו;
ער וועט די זיילן פון יבשה צעטרייסלען;
און צעשטויבן דעם שטיין, וואָס באם ברעג,
וואָס האלט אים דאָ אייביק געצוימט און פארשפארט;
צוגעשטיקט באם האלז, ווי אַ הונט אף דער קייט,
באם מענטשנס טראָט, בא זיין געבויעטער צאָם;
אָ, אז ער וועט עס, ענדלעך —
— געבענטשט זאָל זיין די פרייע שעה! —
די וואנט אדורכברעכן;
און פריי, אוים דער גאנצער טיפער ברוסט,
אויספלייצן אַהין, אין דער ברייט,
צו דער גרויסער שטיינערנער שטאָט;
נעמען, מיט שטורעם, אָ, מיט פרייער אויסגעפראלטער פרייד,
ארונטעררייסן, צעשווענקען, איינוואלגערן יעדע וואנט,
יעדן שטיין, יעדע צוים;
אַליין אָוועקטראָגן ווייטער, מיט יובל, מיט געשריי;
אויסגיסן דאָס גאנצע הארץ,

זיך נישט פּרואוון באַרואיקן גאָר — אַזוי,
פאַר דער גאַנצער צייט דערדריקט־זיין
צום שטיין, אָ, דאָרט, באַם ברעג;
אַזוי, זאָל געטאָן זיין צום ים זיין רעכט; און
אומגעקערט צו אים זיין מאַכט אומגעצוימטע!...

אַזוי, איז ער אָפּגעשטאַנען דאָרט, דער מיטליאָריקער מאַן, באַם ברעג פון צעבראַסטעט־צעשטורעמטן ים; געבליבן, שעה'ן לאַנג, צום אָרט צוגעשמידט, מיט די בליקן אַריינגעשטעקט אין דער טיף, אין דער נאַכט; אין די מעכטיקע טורעם־כוואַליעס, וואָס טרייבן, מיט ווילדן געלאַף, אַהער, צום שטיין, צו דער צוים; ווערן צעשטויבט, צוריקגעטריבן, פאַר־לענדט; און, זיי וואַרפן זיך אַליין, איצט מיט וואַנזין, מיט פלוך, אַנט־קעגן דעם בלייערן־פינצטערן הימל, דעם שטומען, ווי אייביק בלינד־פאַר־שלאָסן אין זיך; נ אָ ר — ער דריקט אַף אַראָפּ־אַליין; ער שטיקט דעם ים באַם גאָרגל צו; גרייט אים פאַרטיליקן, אויסראָטן; אים פון זינען ברענגען — דערפאַר, וואָס ער דערוועגט זיך, ער איז מורד — אימער באַרייט פּוריץ־גדר זיין...

דער ים, און שטאָט —

— ווער וועמען גייט דאָ באַזיגן?!...

ער איז געשטאַנען דאָרט, באַ יענעם ברעג, דער עלנטער מאַן; גע־שפּירט, אין יענער שעה, מיטן גאַנצן האַרץ, וויאַזוי עס ווערט דאָ גע־פּאַכטן דער גורל פון זיין אייגן לעבן; פון זיין שטאָם; פון זיין ז י י ן — אַז, ער קאָן פון דאָרט נישט אַוועק. זיין געשריי איז דער זעלבער, ווי דער ים. עס איז זיין געוויין אין דער נאַכט. ז יי ן א יי ג ע נ ע ר פ אַ ר־צ ווי י פ ל ט ע ר ר ו ף נ אָ ך ה י ל ף!

* *
*

שפּעטער צו; אז זיין זון האָט אים אַלץ לויזער געמאַכט פון די גע־שעפטן; כמעט איינגאַנצן באַזייטיקט פונעם טאָן; איז אים געבליבן אַסאַך מערער צייט, ווי ביז איצט; און, ער האָט געדאַרפט זיך־כיטרעווען, אַף וואָס זי צו פאַרווענדן; דער'עיקר'שט, אַז עס זאָל זיך נישט וואַרפן צו־פיל אין די אויגן...

אמת, ער האָט געשפּירט, טיף אין זיך, אַז — דאָס איז נאָר אַף אַ צייט; נישט אַף אייביק... עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן טאָן אין אים; אין ערגעץ פירט עס אים; און, ער וויל גיין אַהין, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אומגעשטערט...

יאָ, איז צווישן זייביידן, דעם טאַטן מיטן זון, האָט זיך גענומען איינשטעלן יענער שטומער הסכם פון — נישט־שטערן־זיך, דערוויילן; איבערכאַפּן דעם אָטעם; זאַמלען די כוחות אַף יענער אומפאַרמיידלעכער שעה פון צוזאַמענשטויס...

אומזיסט האָט דער זון אַ פּרואוו־געטאָן איצט; איינמאָל, און אַ צווייטס; מיט זיין געוויינלעכער וואָוילוינגערישער זעלבסטזיכערקייט, אַרויסצושטעלן אַף ליצנות — דעם אַלטנס לעצטנס־מאָדנע גענג; באַ זיין פאַרפאַלן־ווערן, דורך די אָוונטן, פון דער היים; אומשלייען־זיך, פּונקט ווי אַ אינגל, אין די טונקעלע ווינקלען פון שטאָט — אַז דאָס אַלץ זאָל צו מענטשן דערגיין, זיי זאָלן אים נעמען אַפן צונג!...

ער האָט אַ פּרואוו־געטאָן, דער זון; נאָר, ער איז גלייך צוריקגע־טראָטן... ער האָט צוגעקוקט, מיט שרעק, וויאַזוי דעם טאַטנס פּנים בלייבט פאַרענדערט; עס בייט זיך אין די קאָלירן; עס נעמט אים וואַרפן אינ־גאַנצן פאַר צאָרן... אַזוינעם, האָט ער אַליין אים נאָך קיינמאָל נישט גע־זען... אבי, ער האָט געמיינט, ביז איצט — דער אַלטער איז אויסגע־שפּילט... — אָבער, פאַרזיכטיק! מע דאַרף האַלטן אַ אויג... מיט זיי, די לייט, שדים ווייסן זיי, ביזטו קיינמאָל נישט זיכער...

און, ער האָט באַשלאָסן, דער יונגער, זיך־איינציען; איבערוואַרטן;

און, נאָכגיין אים, דעם אַלטן, גאָר־ווייט פון דער זייט... באַזונדערס, נאָך יענעם פאַל.

...ערשט אַנומלטן איז דאָס געווען. שפּעט באַדערנאַכט. ער האָט צו־ריקגעקערט, ווי תמיד, פון זיינע טרעפונגען מיט די חברים. מע האָט גוט צוגעבראַכט די צייט. פיין זיך אונטערגעהאַלטן... וויין, ווייב, געזאַנג...

אַז ער איז צוגעקומען צום הויז; אויפגעשלאָסן די דרויסן־טיר; זיך־געלאָזן, מיט די טרעפּ, אַרויף, צו זיך אין צימער, — האָט זיך אים אויס־געדוכט — ...אמת, ער איז געווען אונטערגעטרונקען רעכט; אָבער דאָך... — ער וואָלט געמאָגט שווערן, וויאַזוי ער הערט קומען פון דאָרט, פון דער טיף — פון יענער זייט, וואו דער גרויסער אָפּגעלעגענער זאַל; וואוהין קיינער גייט נישט קיינמאָל; (זינט יאָרן, אַזוי; הגם, ער אַליין ווייסט נישט רעכט — פאַרוואָס;) — וויאַזוי עס דערטראָגט זיך צו אים אַצינד פון דאָרט אַ טיף צעצויגן געזאַנג; אַ ווייטס; אַזאַ אָפּגעלעגנס... אָט,דערווייטערט עס זיך, עס פאַרגייט; ווי זיין האַרץ שטאַרבט אָפּ אין שרעק, מאַמע מיינע... נאָר, ניין. עס נעמט זיך דערנעענטערן פּלוצים, אַ פּראָצעסיע... עס וועט געשטאַרקט, געדיכט; עס דערטראָגט זיך שוין פון גאָר־נאָענט... ער הערט די שטימען אַסאַך, ווי זיי גייען צו אים, מעכ־טיק ברייט; אין דער טיף; פון דער ברוסט אַרויס... דאָס געזאַנג איז אים פרעמד; דאָס לשון; די קולות... נאָר — עס דראָעט אים. ער שפּירט — די געפאַר איז גרויס; אַ נאָענטע; אַ באַלדיקע; ווי אַלץ איז קעגן אים; עס גייט אָף אים, פון אַלע זייטן; עס צעפּלאַטערט זיך; עס ברענט; און עס שטייגט אַלץ העכער צו אים, אים פאַרשלינגען — וויאַזוי, דאָס גאַנצע הויז, פון אויבן ביז אַראָפּ, שטייט אין פלאַמען פון געזאַנג; וויאַזוי, קיין רעטונג פאַר אים איז נישטאָ...

...שפּעטער, אַז ער איז געקומען צו זיך; איז שוין ווידער געווען שטיל אַרום; אַזוי־ווי גאָרנישט... ער ווייסט נישט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט — זיין פאַרשטאַרטער בלייבן דאָ, אין דער פינצטער... ער

האָט גענומען, אַף די שפּיץ־פינגער, גיין ארויף די טרעפּ; אַלץ ווייטער פון דאָרט; פון דער נידער; פונעם קאַשמאַר... ער איז שוין איצט געווען אינגאַנצן ניכטער. די שרעק, אַ פּנים, האָט בא אים אויסגעוועפּט דעם נעפּל פון די געדאנקען. ער האָט געקאָנט רואיק באטראכטן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען...

אז ער איז געווען אין אויבערשטן האָל; וואו די טירן פון זיין צי־מער און פון דעם אַלטנס שלאָף־סאַלאָן זענען נישט ווייט פון אַנאַנדער; האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיטאַמאָל; און, ער האָט זיך צעשמייכלט מיטן פולן מויל; שיר נישט צעלאכט. ער האָט ווידעראַמאָל דערשפּירט די זי־בערקייט מיט זיך. אים האָט אַ ציִ־געטאָן פלוצים צוגיין אהין, צו יענעם סאַלאָן; אַ עפן־טאָן די טיר פאראַמאָל, אריין אינעווייניק. זעען, אדרבה — צי איז נישט אַמאָל דאָרט דער אַלטער נישטאָ... — אין קעלער ליגט ער, דער אויסוואורף; פּראָוועט זיינע טייפלשע שטיק... איצט, אז ער וועט זיך צוכאַפּן צו אים, — דערווערגט ער אים מיט די אייגענע הענט!...

נאָר, אז ער האָט גערירט צו אַלטנס שלאָף־סאַלאָן; האָט בא אים פלוצים אָפּגענומען הענט און פיס. אים האָט געוואָרפן דאָס קדחת... ער איז נישט דערגאַן גאָר אהין. אַ צעבראָכענער, געבויגן ביז צו דער ערד, האָט ער זיך, ווי עס איז, אריינגעשאַרט צו זיך; אוועקגעקומען פון־זיך...

אינדערפרי, אז ער האָט דערוואכט פון שלאָף, (דער זון;) אויסגע־ריבן די אויגן; זיך גוט ארומגעקוקט; האָט ער אויסגעשפּיגן מיט האַרץ; באַלד זיך־צעלאכט גראָב און פרעך. ער איז ארויסגעשפּרונגען פונעם בעט; אַ האַלב־נאַקעטער, גענומען אומטרייבן איבערן צימער; אויס־גע׳בטל׳ט אַלע בייזע חלומות צו ז יי ן קאָפּ, דעם אַלטנס; געריבן אַ האַנט־אָן־א האַנט. פאר נחת. ער האָט אָנגעהויבן ארייַנקומען אין זיין ראָל, ווי תמיד... — ווייסעך דאָרט, חלומות, נעכטיקע טעג... ע ר איז הערשער, באַפעלט... דער אַלטער צעדרייטער וועט שוין דאָ לאַנג נישט ברייען!...

נאָר, אָט האָט ער דערזען, דורך זיין גלעזערנער טיר; וויאַזוי, עס

עפנט זיך יענע טיר אנטקעגן; פונעם אַלטנס שלאָף־סאַלאָן. ער, קומט אַפער פון דאָרט; אַ פּאַמעלעכער און ערנסט. ער לאָזט זיך גיין, אין דער ריכטונג צו אים... ער גייט שווער, פאַרשלאָסן; אַזוי ווי אונטער אַ לאַדונג, וואָס דריקט... און, ער נעמט שוין שפּירן, דער זון — אָ ט י ע ־ נ ע מ ש א, די פינצטערע, שווערט אים אַליין. זי דריקט ביז צו דער ערד... אָ, ניין; זי לאָזט אים נישט אויס מער. ז י ש ט ע ל ט ז י י ן ל ע ב ן א י ן ג ע פ אַ ר; ווי, אקוראט, אינמיטן נאכט, דאָרט, אין דער טיף, אין קאָשמאַר...

און, ער קוקט נאָך זיין טאטן פארבייגיין; מיט אנגסט אינעם בליק; אין איינע שרעק...

*　　*
*

אז ער, דער מיטליאָריקער מאַן, האָט באַקומען אַזויפיל פרייע צייט, וויפל ער האָט נאָר אַליין געוואונטשט; ווייל, עס האָט זיך שוין נישט געפונען ווער, (אַזוי האָט זיך אויסגעדוכט,) וואָס זאָל אים זיין אַ שטער, — האָט ער גענומען, אַלץ אָפטער, פאַרבלאָנזשען, (אַזוי, אין די באַטאָגן, און פאַרנאכט;) אין אַלערליי אָפּגעלעגענע ערטער פון דער גרויסער פרעמדער שטאָט. ער איז געווען פול אין די ריזיקע פּאַרקן; אונטערן שאָטן פון די בוימער; בא די שווים־באַסיינען און בא די קינסטלעכע פאָנטאַנען. ער איז אומגעקראָכן אין די פייכטע מאַרמאָר־גרעטן; זיך געלאָזן אַהין, אין דער טיף; אין דער טונקל; ווי נאָכגעזוכט־גענישטערט ד אָ ס א ו מ ק ל אָ ר ע א ו ן ג ע אַ נ ט ע, וואָס ער שפּירט — אָ, ביז צום אויסגיין!... — ווי עס ווייעט אף אים; עס פאָכעט מיט פליגל איבער זיין עלנטער נשמה; עס רייצט אים ביז וואנזין; עס לאָזט נישט רוען... וויאַזוי, עס דערנענטערט זיך; עס רופט אים נאָך זיך; און, עס פארשווינדט...

אין די אָוונט־שעה'ן ; האָט ער געפּרואווט, איינמאָל, אַריינשטעקן דעם קאָפּ אין איינס, אַ צווייטס פון די לוסטיקע מקומות אין שטאָט. ער האָט זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקל; געהייסן דערלאַנגען אַ שטאַרקס צום טרינקען. אַ באַרוישטער, האָט ער געקוקט אין פּאָרויס, פאַר זיך; וואו אויף דער שמאָלער טונקעלער בינע האָבן שאַרף־גרימירטע יונגען גע־דרימזשעט אויף כל'ערליי טראַלאַלייקעס; און מיידן, מ י ט־און־אָ ן־גע־שמאַק־אַנטבלויזט־און־איינגעהילטע, האָבן געקאָרטשעט פון זיך די תאוה; מוטנע געבלענדט פאַרן אויג; געריסן דאָס געהער. באַלד, און עס האָט גענומען קערן די גאַל... — אָ ט, ד אָ ס ה אָ ט ע ר א ו י ס ג ע־ק ו ק ט ?!...

אים האָט אַ שוועב־געטאָן פּלוצים פאַרן בליק די רחבות באַם ברעג־ים; אָנגענומען פאַר זיין הארץ, אים צוגעצויגן צו זיך. אים האָט געגלעט דאָס קילע ווינטל; דאָס געזאַנג פון די כוואַליעס... און, עס האָט אים אונטערגעטראָגן פונעם אָרט. ער האָט געשפּירט — ער פאַרלירט די צייט. וויאַזוי, יעדע רגע איז אים איצט טייער, ווען דער ים רופט; ער זאָל איילן; ב אַ ל ד, א ו ן ע ר ק אָ ן נ אָ ך אָ נ ו ו ע ר ן ...

ער איז אַרויס אין דרויסן, ווי אַ באַנומענער... אָט דאָס איז די שעה, וואָס זיין הארץ האָט אויסגעקוקט; אים אומגעפירט אומעטום, געזוכט, גענישטערט... אַצינד, גייט זי, די אַנטפּלעקונג; עס קומט, דאָס געגאַרטע גליק, אין געאייל... ער האָט געכאַפּט דעם קאָטש; וואָס פירט אים, תמיד, אין דער צייט, צום ים. ער איז איינגעשטיגן; געזוכט פאַרנעמען אַ פּלאַץ; זיך אַרומגעקוקט. ער איז געבליבן אָן אָפּגעשטאַרבענער... דאָרט, אין דער מ י ט קאָטש; פונקט, ווי דעמאָלט, אינאָוונט — ער; איז ז י אַצינד געזעסן, אַליין... זי האָט זיך אומגעקוקט צו אים; דערקאָנט...

* *
*

צו איר האָט ער זיך ערשט איבערגעגיבן מיטן גאנצן לעבן. ער האָט צוגעזען, וויאַזוי זי, דאָס פשוט'ע אָרעמע פאָלקס־מיידל, נעמט אויספילן זיינע טעג מיט די נעכט. זי באַלעבט אים זיין געמיט. זי מאַכט בליען זיין הארץ — אָ, גליק! — מיט דער וויזיע פון דער יוגנט... ער האָט געזען אויפגיין פאר זיין אויפגעראשטן בליק י ע נ ע ם מ אָ ר ג ן ־ ר ו י ט פ ו ן ז י י ן ב א ג י ן — אז ער איז געווען מיט איר אליין; און זי האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים מיט דער גאַנצער מוטער־גוטסקייט; מוטער־נאַקעטקייט; די גאַנצקייט פון איר נאַטור; פון איר פאָלקס־שטאַם; קינדיש־אומבאַפלעקט; אומשולדיק; אומבארירט...

אזוי, איז זי געווען און פארבליבן; זי, דאָס אָרעמע מיידל פון דער גאַס... זי האָט אים געטוליעט צו איר הארץ; ווארעם און שטיל געגלעט איבער זיין קאָפּ; אים אריינגענומען, דעם מידן קאָפּ זיינעם, אין אירעביידע הענט; אים פארקוקט אין די אויגן, מיט פשוט'ער שטומער ליבע; זי האָט געשמייכלט צו אים, געטריי און גוט... נו, ער זאָל אָפּרוען דאָ, בא איר, אף דער שוים... אירע הענט וועלן נישט מיד־ווערן אזוי; און טריי, ווי א דינסט, אים גלעטן; צושטילן; אים איינוויגן...

עס פלעגט פאלן דאן פאר איר צו די פיס; געקושט איר די טראָט; ארויפקוקן צו איר, מיט ערפוכט. ער פלעגט זיך אָפּרוקן; ווי אויסשטרעקן די הענט צו איר פון דער ווייטנס; ווי צו א געבעט...

ער האָט געקוקט אף איר; ער האָט אלץ געקוקט צו איר מיט חידוש, און אויפגעראשטע בליקן. ער האָט צוגעזען, וויאַזוי זי מינעט זיך אים אפן בליק; בלענדט אים פארן אויג, פארן הארץ מיט טויזנט חנ'ען; טויזנט צויבערם פאר איין ווייל... נאָר, זי אליין, זי איז געבליבן אלץ די זעלבע. וואָס פריער; די גוטע, הארציקע. זי האָט ארויסגעשיינט, דורך אלע צויבער־שלייערן, און געשמייכלט צו אים. א מידע, געשטרעקט צו אים אירע אָרעמס; אים גערופן, געמאַניעט; אים גערייצט, ווי א פרוי, און געצויגן צו זיך. זי האָט ברוגז פארביסן די ליפּן; ארונטערגעלאָזן אירע בליקן; אליין, א פארשעמטע, זיך אים געגיבן אינגאַנצן אנטקעגן...

אזוי האָט ער אויפגעבליקט צו איר, אוים זיין ווינקל. ער האָט גע־שפּירט, וויאַזוי זיין חידוש צו איר איז געשטיגן; ווי זי גייט אויף פאַר זיין בליק, אַ נאַקעטע; אין איר הייליקער תמימות, אומוויסנהייט...

...זיין וואונדער־אַנטפּלעקונג איז זי;
די אויסגעבענקטע פּיין פון זיין בלוט,
אַ, דורך די אַלע יאָרן פון וואַנדל און פאַרצווייפלונג;
דורך זיין געראַנגל אין די טעג,
און דורך די נעכט די פינצטערע;
וואו ער שפּאַרט אָן באַם תהום,
אַליין צווישן הימל און גרויל;
וואו ער שלאָגט זיין קאָפּ אָן דער בלינדער וואַנט,
ביז צום צעשטויסן ווערן —
אַ, פון דאָרט גייט זי אַצינד,
זי שוועבט פון דער טיף;
אף זיין רוף קומט זי...
די מאַמע פון דער היים, גוט, און פרום;
און דער שמייכל גייט פאַר איר...
זי, די חבר׳טע פון זיינע יונגע טעג,
פאַרשניטענע, און אָפּגעלאָפן אין טייכן בלוט...
אַ, יענץ אומבאַפלעקט און הערלעך געשטאַלט,
פון זיין גלויבן, פון דער זון...

און, ער פאַלט אַפּן צורה;
פאַרשטעלט דעם בליק;
בלייבט ליגן אַזוי, געשטרעקט פאַר איר...
אַ, באַלד, נעמט ער שפּירן ווי...
...זי שוועבט איבער אים אַליין אַצינד;

גלעט און שטילט זיין אָרעם האַרץ;
וויאַזוי,
עס פליסט אויס זיין בלוט
אונטער איר היילנדן טראָט...

*   *
*

ער, דער מיטליאַריקער מאַן פון דער ווייטער פרעמדער שטאָט; איז געווען גליקלעך אַצינד. ער האָט געזען אויפגיין איר געשטאַלט צו אים פון אומעטום. זי האָט געשטרעקט צו אים אירע אָרעמס, און געשמייכלט...

עס איז געווען רעכטער פרילינג אין לאַנד. די שטאָט־בולווארן זענען געשטאַנען געטונקט אין גרינס און אין בלוט־שאַרפע עקזאָטישע פאַרבן פון בלומען אַלערליי. אין דער פרי, אז ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון זיין הויז, און אוועק צום ים גלייך, איר זאָגן א גוט־מאָרגן...

האָט ער איר דערזען אויפקומען אויפבליען פאַר אים
פון יעדן בוים; פון יעדער בלום;
אין דער נידער און אין דער הויך;
אפערקומען פון צווישן די באַבלעטערטע טיף־גרינע געדיכטעניש;
שטרעקן אים אנטקעגן איר זאַפט,
וואָס שוימט אריבער אַלע ברעגן;
אָ, שוין לאַנג צעצוויטעטע צעבליט;
גיט זיך אליין אף געניס...
זי האָט אים געמאַניעט אויס אַלע טיפע אָפּגעלעגענע ווינקלען
פון דעם בולוואר, קעגניבער דעם ים.
זי האָט אים געררייצט, איר נאָכצוגיין אין דער שטיל;
אויסשפירן איר טראָט;

אָנשמעקן איר אָטעם־הויך;
וואו זי איז אַלץ געווען; אים אויסגעקוקט;
זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן;
אַליין אים אַריבער זוכן אין ערגעץ...
אַזוי, איז ער איר נאָכגעגאַנגען;
זיך נאָך איר געצויגן, טראָט־בא־טראָט;
ביז, ער איז אַרויסגעקומען אַפן אָפענעם ברייטן פאַרנעם;
אַף דער האַנט באַם ים.
ערשט איצט, האָט ער ווי דערזען, צום ערשטן מאָל,
די לויטערע בלויט־טיפקייט, דעם הימל
איבער זיין קאָפּ, איבערן ים.
אַ צעשטראַלטע קינדיש־צעשמייכלטע זון
האָט אַראָפּגעקוקט פון דער הויך;
זיך געשפּילט מיט די וואַסערן; זיי געזילבערט;
געמאַכט אויסשטראַלן, צעשיינען אין אַלע זיבן קאָלירן;
זיי צוגעשטילט; געגלעט; איינגענומען זיי...
די וואַסערן, איצינד, האָבן זיך געלאָזן;
מיטגעגאַן מיט דער שפּיל;
אַזוי איידל־נערוועז געשטרעקט די אייגענע פיינע הויט
אונטער צאַרטער גלעטנדער האַנט;
שטיל אויסגעברומט פאַר־זיך אַזאַ מעלאָדישעס־צעצויגן מורמלע־ריי;
געוואָרן שטילער אַלץ, געבליפּטער, דורכזיכטיקער...
אָן דאָרט, אינדערמיט;
צעשפּילט זיך דער ים מיט זיין שוימיקן קאָראַלן;
ער טורעמט זיך; ער פאַלט אָפּ...
און... ז י הויבט אָן אויפטויכן
אויס דעם קאָראַלן־שוים — אַ וואונדער־וויזיע אַף דער זון...

זי גייט אַף די צוגעשטילטע כוואַליעס,
וואָס שפּרייטן זיך, געהאָרכזאַם, צו איר היילנדן טראַט...
ז י ג י י ט, ד י ג ו ט ס ק י י ט אַ ל י י ן;
אַ ק י נ ד, צ ו ו י ש ן ה י מ ל אַ ו ן י ם;
מיט די געשטרעקטע אָרעמס אין דער ווייט...
אַ, ז י ג י י ט ד ע ר ו ו ע ל ט א נ ט ק ע ג ן,
א ו ן ז י ב ע נ ט ש ט ...

*　　　*

ער, דער מיטליאָריקער מאַן; איז אַצינד געווען אַזויפיל פאַרנומען מיט זיך און מיט זיין נײַ־דערוואַכט לעבן, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, אויס דער טיף, — אַז ער האָט גאָרנישט געזען די וועלט פאַר די אויגן. ער איז געווען פול איבער די ברעגן מיט דעם צוגעפלייצטן אָנגעשווימטן גליק; און, ער האָט עס געמוזט אויסרוישן, אויסשטורעמען — אין ד ע ם ל ע ב ן אַ ל י י ן; פונוואַנען עס איז צו אים דאָס גליק געקומען...

ער האָט געזען פאַר זיך דאָס אָרעמע מיידל פונעם פאָלק; וואָס איז, פאַר זיינע אויגן, באַגאַנגען מיט אים דאָס גרויסע וואונדער; און, ער האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן מער, וואָס דער מאָרגן ברענגט; זי פירט אים; ער גייט ... זי האָט אים געצויגן, מיט אַן אומווידערשטייטלעכן צווי־בער, נאָך זיך; דורך די טעג; דורך זיין גאַנצן אומרו און פיין...

...עס איז געווען, אַפדערנאַכט; אין עלנטן דעמערן פון דער שטאָט; אַז דאָס האַרץ צעברומט — אַ טויטלעך־פאַרוואונדערטער לייב אין דער מדבר, — ווען ער איז אַוועק צו איר; אַריבערגעטראָטן די שוועל פון איר צימער; און, באַלד איז ער געוואָרן נישט צו דערקענען... ער האָט גערעדט צו איר גוטע האַרציקע רייד; ווי צו אַ טייער ליב קינד אַלציינס. גערעדט, און אַליין נישט געגלויבט אַף זיך, אַז דאָס איז ער. אַליין זיך

צוגעהערט, ווי פון זיין הארץ האָט געקוואָלן מיט גוטסקייט צו איר; מיט ווארעמען שטראָם; ווי, מיטן רעדן, ווערט אים גרינגער און פרייער אליץ זיין געמיט... ער האָט איר געבעטן גלויבן אים, אז ער רעדט... זאָל זי אים ארייננקוקן אין די אויגן; זעען זיין נשמה; זיין הארץ. ער איז אויפ־געדעקט פאר איר, ווי א קינד... אָבער, ער שפּירט, וויאזוי ער איז צו־געבונדן צו איר, נישט צום שיידן זיך מער. זיין לעבן איז אין אירע הענט, פון אצינד און ווייטער; זאָל זי עס וויסן גוט. זיין לעבן הענגט פון איר...

אן אויפגעצאַפּלטער אליין, פון א פלעצלעכער שרעק — טאָמער קומט זי אוועק; זי פארלאָזט אים, — איז ער אצינד ווידער איינגעפאלן פאר איר; און, מיט פרומער ערפורכט, גענומען פאר איר אויפדעקן די שרעקלעכע וואונד פון זיין צעשטערטער עקזיסטענץ; אלץ, פון דער היים, און פון דאָ; וויאזוי, ער איז געגאנגען און דערגאנגען...

—...ד ו ה ע ר ס ט ?... איך בין אליין אומגליקלעך; אויסגע־ריסן פון היים און וועלט... ווער ווייסט, צי איז דאָ צו מיין אומגליק א באשייד?!... איך האָב געלייקנט; אָ, איך האָב אויסגעלאכט; באשפּאָט דעם גאָט פון מיין היים; דעם גלויבן פון מיינע יונגע פרומע טעג... ד ו ה ע ר ס ט ?... איך האָב געלעסטערט אין יענע הייליקע געזאנג פון באפרייונג... צוזאמען געגאן איבער די גאסן פון דער היים; יוגנט־פריינט; און חבר'טעס... א יי נ ע, א ז א אָ, ו וי ד ו, א צ י נ ד ... איבערן קאָפּ האָט געהעלט און געפלאטערט די פאָן פון אונזער מאָרגן־רויט; אונזער חלום; אונזער פרייד... מיטאמאָל; בין איך איינער אנטלאָפן פון דאָרט... — ד ו ז ע ס ט, ו ו ע ר א י ך ב י ן !... — פאר־לאָזן אלעמען; אָ, איר א יי נ ע א ל יי ן געלאָזן דאָרט; אַף גאָטס באראָט... בין אוועק אין דער וועלט — ג ר ו י ס ו ו ע ר ן; ו ו א ק ־ס ן ... און, וואָס פון זיי איז געוואָרן? — איך האָב נישט געוואָלט ווי־סן... געלאכט אוים זיין; געשפּעט... ביז, עס האָט מיך אָנגעיאָגט ביז אהער, י ע נ ע ץ ג ע ז א נ ג; געכאפּט, — אליין צו דער ערד געשליידערט...

עס פלאַטערט איבער מיין קאָפּ, ווי געווען, מיט יוגנט־ברען; מיט לוסט; מיט פרייד... עס שטורעמט אויף דאָס אָרעמע געזאַנג; אָ, אונזער חלום פון באפרייונג... נאָר, איך ליג אין שטויב; און, עס ווארפט מיט מיר דער שפּאָט; דער גרויזאמער לאכן — דו הערסט?! — ווי עס שטיקט מיך, עס ווערגט... אָ, איך קאָן שוין נישט מער...

און, ער האָט צוזאמענגעבראָכן אין טייכן געוויין...

זי, דאָס אָרעמע מיידל פון פאָלק; האָט גאַנץ־ווייניק, אָדער גאָרנישט פארשטאַנען פון דעם, וואָס דער פרעמדער האָט גערעדט פאר איר. זי האָט צוגעזען, וויאַזוי אַ גרויסער מענטש ליגט פאר איר און וויינט אפן קול, ווי אַ קינד; וויאַזוי ער קלאַמערט זיך אָן איר, און ער צאַפּלט; און, איר הארץ איז פארגאַנגען מיט גרויס רחמנות צו אים. זי האָט פארשטאַנען, אז זי מוז עפּעס טאָן, אים צו העלפן; מאכן אים גרינגער דאָס הארץ... רעדן האָט זי נישט געוואוסט, וויאַזוי, און פון וואָס... זי האָט אָבער דערפילט, מיט זיכערקייט, וויאַזוי — זי אַליין האָט עפּעס די ווערט פאר אים... זיינע רייד צו איר, די גאַנצע צייט; זיין באַגייסטערטער בליק, צו איר קוקנדיק, האָט אַ האפט... ער גלעט; ער ווארעמט איר דאָס הארץ; זאָגט עפּעס צו... דאָס האָט איר געבראַכט אַף פארשיידענע רעיונות; געמאַכט נאָכטראַכטן; אָנפילן מיט שטאָלץ... וויאַזוי, זי האָט אַליין, אַף זיך קוקנדיק, גענומען באַגרייפן איר ווערדע...

פון איר אָרט, וואו זי איז געזעסן, האָט זי נישט דערוועגט זיך רירן אַצינד; פארשטאַנען, מע טאָר אים נישט שטערן, דעם גוטן מענטשן; אז ער ליגט צון אירע טראָט. שטיל, ווי אַ קינד. איר האַנט האלט ער אין זיינער; ער גלעט זי איידל און צאַרט; וויאַזוי ער שפּילט זיך מיט איר... אָ, זע, זיין פּנים; ווי עס איז געוואָרן אויסגעלייטערט פונעם וויינען; ער שמייכלט. ער קומט איר פאָר שיין...

...אַף ווייטער, אז ער רעדט, מוז מען זיך גוט איינהערן, אין יעדן

װאָרט זײנס — עס איז פון גרױסן װערט פאר איר... אָ, זי זאָל נאָר נישט אױספּראַלן איר סוד... זי האָט מורא — עס האָט איר געטראָפן א גרױס גליק — איר אָנבאַגעגעניש מיט אָט דעם טײערן מענטשן אין װעג... אָ, גאָט...

און איר אָרעם האַרץ; זי דערשפּירט אצינד; האָט — פּילײכט, צום ערשטן מאָל, אין אירע רײפע טעג — אױסגעשלאָגן מיט פרײד...

*　　*

*

— ...װער ביזטו, און פונװאַנען?... — האָט ער זיך אײנמאָל דער־װעגט בא איר צו פרעגן; אז ער איז געקומען, װי געװײנלעך, אַהין, דעם אָװנט צו פארברענגען.

ער האָט איר געטראָפן, דאָס מאָל, נישט אזױװי תמיד צו אים; אַנ־דערש. באלד זײן ארײנקום זאָל איר האָבן איבערגעראַשט; איר אין עפּעס געשטערט; שיר נישט אומבאַקװעם געלאָזן. אין איר װינקל פון צימער; װאו זי איז געבליבן שטײן, א האַלב־צעשױבערטע; געקאַמט אי־רע געדיכטע פּעך־שװאַרצע האָר, האַרט פאר א לאַנגען און ברײטן שאַ־פע־שפּיגל, װאָס האָט געװיזן איר הערלעך בילד, אין דעם גאַנצן צױבער־רײץ, — דאָרט האָט זי ארױפגעכאַפּט אף זיך, װאָס עס איז איר געקו־מען צו דער האַנט; זיך־געגומען װיקלען אין דעם; זיך־גאָרנישט געקאָנט קײן עצה־טאָן. זי האָט אים אָנגעקוקט, א פארשעמטע; און צעמישט. איר פּנים בלײבט צעצונדן, פאר בלוט־בושה. איר בליק האָט אצינד זיך־געג־בעטן בא אים; געציטערט װעגן עפּעס...

זי איז שױן אזױ פארבליבן, דעם אָװנט, נײ און אײנגעהילט פאר אים. זי איז געזעסן, װי א שטיל שעמעװדיק קינד; און געקוקט צו אים, מיט ערפוכט און געטרײ. זי האָט, קענטיק, עפּעס אױסגעקוקט בא אים;

געוואָלט דערגיין און, זיך אַליין נישט דערוועגט... מיטן רעדן, האָט זי געציילט דאָס וואָרט; געקליבן עס; צוריקגעכאַפּט... זי האָט אים געגיבן א י ר ן א נ אָ מ ע ן — נאָרא — און אויסגעזאָגט, פונוואַנען זי קומט דאָ אַהער...

...איר היים איז — ווייט אָפּגעלעגן שטעטל אַפן לאַנד. זי האָט דאָרט די מוטער, איינע אַליין. זי איז אַלט און שוואַך. זי קוקט איר אויס די אויגן... איר היים איז אַזוי שיין! דאָרט איז שטיל, א מחיה... איצט איז פרילינג. דאָס שטעטל בליט אין גרינס. שטייט אויסגעפּוצט; פאַר־שמעקט. עס רוישן אויף וואַסערן אין די אָפּגעלעגענע בערגלעך ארום; יאָגן אָן, זיי פילן אָן דאָס טרוקענע טייכל, וואָס שניידט אדורך די מ י ט גאַס; עס לעבט אויף; עס רוישט אַזוי פריילעך... און זיי, דאָס גאַנצע שטעטל, קינד און קייט; גייט, פּלושקעט זיך אין וואַסער, דעם גאַנצן טאָג... באַלד, נאָך א וואָכן צוויי; און די היץ ליידיקט אויס דאָס גאַנצע שטעטל; פאַרטרייבט פון דער היים; צו די ווייטע קאַמפּן ארום; אַף דער אַרבעט, באַם שניט... איז דאָרטן לעבעדיק אביסל! אַפן אָוונט, נאָך דער אַרבעט; צעלייגט א פייער אינמיטן פעלד; מע זינגט ארום; מע טאַנצט... אָ, מאַמע טייערע... מיין היים...

אירע שוואַרצע בליקן זענען געבליבן טיף־ערנסט; און ווייט. זי האָט געגומען פאַרקומען פאַר אים איצט — צוריקגעהאַלטן; ווי צוריק־געקערט צו זיך; אין זיך איינגעשלאָסן. דורך דעם, איז זי געוואָרן, ווי גרעסער מיט א קאָפּ; אויסגעוואָקסן פאַראַמאָל; געוואָרנט, צו גיין מיט פאַרזיכט ארום; געבעטן, איר נישט ווייטאָן איצט; באַרירן איר אויפ־געלאָפּן האַרץ...

אַזוי, איז זי געבליבן זיצן; אין טרויער, געבליקט פאַר זיך... זי איז אַנטשוויגן געוואָרן...

...אָ, מעגלעך, דאָס זי האָט אויסגעקוקט — א וואָרט צו דערהערן איצט פון דעם פרעמדן מאַן דאַנעבן; א יי ן ג ו ט ו וו אָ ר ט כ אָ ט ש; עס וואָלט פאַלן, ווי ראָסע, אַף איר אָרעם פאַרבאַקן האַרץ...

זי וואָלט גרייט געווען איר לעבן שטרעקן פאַר דעם, פאַר דאנקבארקייט וועגן; אַ גאַנץ לעבן דינען גרייט, פאַר דעם איינעם גוטן וואָרט, זי באַגערט אצינד פון אים צו הערן, אין איר עלנט — אַ טרייסט... אָ, ווי זי וואָלט אויפגעלויכטן איצט; געוואָרן ניי־באשאפן פאַר פרייד...

און, זי האָט אויפגעהויבן צו אים איר פארנעפלטן בליק; פארלאָפן אין טרערן... זי האָט אים אָנגעקוקט, דעם גוטן פרעמדן מאַן; און דער־זען — ווי ער איז געזעסן איצט פאר איר; אין איינע ציטערניש; אַ פארשולדיקטער; מורא־געהאט, עס איז געווען קענטיק, אַ ריר־צו־טאָן מיט אן אבר... און — ער איז איר ווידער, מיטיינמאָל, ליב און טייער געוואָרן; אַזוי נאָענט אין האַרץ... ווי עס האָט אים אָנגעטראָגן אין איר לעבן; און עס צעשטורעמט... וויאזוי זי איז געגאנגען, ביז דאַן, אינדערפינצטער; אַליין נישט געוואוסט דערפון. ביז... ער איז געקומען; גענומען רעדן פאַר איר. און — אַ ליכט האָט גענומען אויפגיין צו איר פון אַרום; פון זיינע רייד... אָ, זי וויל אים זאָגן אַזוי־פיל אצינד; פאלן צו זיינע קני; אים קושן זיינע הענט... זאָל ער וויסן זיין, אז — זי פארלאָזט דאָס לעבן ביז איצט; די שטאָט; די פלוך... — זי וויל זען, אדרבה, ווער עס וועט זיך דערוועגן אצינד איר באַרירן מער!... — זי גייט ווערן פריי, אַזוי ווי ער!... —

...נאָר, איר האַרץ, פילט זי, איז אַזוי עלנט און אומגליקלעך אף דער וועלט... אליין גייט זי אום אף דער פרעמד... אָ, מאַמע מיינע, איך וויל גיין צו דיר, אהיים...

און, פונעם שטול, וואו זי איז געזעסן, ביז איצט, הארט לעבן איר בעט; האָט זי זיך אַ וואָרף־געטאָן, פלוצים, צום געלעגער; דאָס פנים אין קישן פארגראָבן; גענומען צאַפּלען אינגאַנצן — אַזוי האָט עס איר גע־וואָרפן פון אויבן ביז אראָפּ; גאָרנישט געקאָנט אויפהערן...

ער, דער פרעמדער מאַן, דאָס צוזעענדיק; איז געווען דערשלאָגן ביז צו דער ערד...

...ווידער, ווי אמאָל, אָ, אין דער יוגנט;
ה אָ ט ז י, ד י ח ב ר'ט ע ז יי נ ע, אויפגעטויכט פאר
אים...

א הייליקע אומבאפלעקטע וויזיע פון זיין באגינען...
אזויווי די מאמע, גוט און פרום...
געשוועבט איבער אים, אין דעם רוים,
ווי דאָס געזאנג פון באפרייאונג...
נאָר, אים אליין — אָ, ווי ער האָט תמיד געשפירט —
ווייט געלאָזן אהינטער זיך; אין דער נידער...

...וועט ער איצט זיך דערוועגן איינגאנצן — אין דער שפעטער שעה פון זיין גרויס־געטראָפן גליק — זיין לעבן איינשטעלן; א י ר נ י ש ט א ו י ס ל אָ ז ן מ ע ר פ ו נ ע ם א ו י ג. אָן־איר־זיך־אָנהענגען. קלאמערן אָן איר טראָט. דאָרט וואו זי, איז ער...

*　　*
*

שפעטער מיט א פאָר טעג, אין א לויטערן אינדערפרי; איז נאָרא אָפגעפאָרן צו זיך אהיים.

ער האָט צוגעזען איר גרייטן זיך; איר נישט געפרואווט שטערן מיט קיין וואָרט; פעסט געשוויגן. אויך זי האָט נישט גערעדט; געטאָן אירס. בלויז צוגעזען, וויאזוי ער פארלאָזט איר נישט, אין די לעצטע טעג, קיין רגע; ער גייט נישט אָפ פון איר; נאָר, ער קלערט...

אויך איצט, בא דער באן, באם שיידן זיך; האָבן זיי נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאר די הענט; זיך אָנגעקוקט. אירע בליקן, צערטלעכע, מיט שטומען וויי; האָבן זיך געשטרעקט אים אנטקעגן. נאָר, זיינע אויגן, פולע, ווי אויסגעסטארטשעט; האָבן

געבלישטשעט מיט פיבער; געווען איבערגעלאָדן און שטייף; ז י ך ־ ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר ט צ ו ם ש ל ו ם; א ו מ ב ו י ג ז א ם; ז י כ ע ר... אַזוי, האָט ער איר געזען, ווי זי איז איינגעשטיגן אין צוג; ווי דורכן פענצטער פון וואגאָן האָט זי אַלץ אריבערגעבליקט צו אים; טיף־שווייגנד, אין טרויער; ביז, עס האָט איר אָפּגעריסן פון אָרט; גע־נומען דערווייטערן פון אים; אַוועקטראָגן; פארמישן מיטן ארום... בלויז, איר בליק איז געבליבן הענגען אין לופטן; אָנגעשטעלט אף אים; מיטן שטומען אומויסדריקלעכן אנגסט...

* *

...ער האָט אים שוין נישט נאָכגעלאָזן מער, איר עלנטער בליק; וואו ער איז געגאנגען און געשטאַנען. ער האָט געשוועבט פאר אים; אים געמינעט־זיך אפן אויג; אים געגלעט און געשטארקט...

נאָר, וואָס האָט עס געהאָלפן? — אַז, ליידיק איז מיטיינמאָל גע־וואָרן פאר אים ארום־און־ארום. ליידיק און הויל אין זיין הארץ... דאָרט האָט זיך ווידער באזעצט דער אומרו פון זיינע שווערע עלנטע טעג; וואָס האָט אים געהאט צו דער ערד געשליידערט; אויסגעריסן און אומגעטראָגן, אליין, צווישן הימל און ערד... ביז, עס האָט אים אויסגעשפּיגן, אַ לעצט־רעשט, אף דער גאס; אויסגעשטעלט צו שפּאָט און שאנד פון דער היים און וועלט...

...אָ, וואָס זאָל ער איצט טאָן? — לאָזן ווידער אויפקומען איבער זיך דעם וויסטן ליץ, — יענער זאָל אים מיט די פיס טרעטן; באלד, צוענדיקן מיט אים?!...

...ער האָט געפילט, אז עס וועט נישט זיין פאר זיינע כוחות מער דורכצוגיין ווידעראמאָל יענעם לאנגען וועג פון זיין פיין. ער וועט אומ־קומען; פאלן אין וועג... אָבער, יענע גרויסע געפאר לויערט אף אים ווידער פון אומעטום; איצט, שוין פון אלע זייטן; שטעקט צו אים

איר לאַנגע רויטע צונג; לאַכט אויס אים; רייצט אים צו עטוואָס גרויל־האפטס...

* *

צווערשט; האָט זיך געכאַפּט אף דעם דער זון... אָ, ער האָט שוין לאַנג אויסגעקוקט די ווײַלע, ער זאָל פּאַקן דעם אַלטן אַליין; עלנט און דערשלאָגן — פּאַרלאָזן פון זײַן אַוואַנטורע; וועלכע... האָט אים רעכט אויסגעצאַפּט; אַזוי גוט געמאַכט צום נאַר; און, צולעצט, אים אַרויסגעשטעלט אַ צונג, דעם אַלטן פערד; אַליין איז זי אַוועק!... אָ, ער האָט גוט געפּאָרשט נאָך אים; נאָכן אייגענעם אַלטן; אים נישט אויסגעלאָזן פונעם אויג; ביז, ער איז נישט געפאַלן אפן שפּור; וואו ער ברענגט עס צו זײַנע טעג מיט נעכט; פּאָטאַכליעוועט דאָס געלט אפן ווינט; לאָזט זיך וואַוילגיין... וואָס־זשע — ער מיינט, דער אַלטער — עס וועט אים גלאַטיק אָפּגיין? — ער, דער זון, מיט די אייגענע הענט, וועט אַ סוף־מאַכן דערצו. און, ווען, אפילו, מיט כוח! — אָ, ער וועט נישט לאַנג דאַרפן וואַרטן קיין צייט!... —

ווידער איז דער יונגער אַריין איצט אין זאָטל; אין קאָליר. ער האָט געזען פאַר זיך דעם אַלטן — מיד און שוואַך; און, ער האָט אים נישט צורו־געלאָזן מער; געשפּאָטן אויס אים; געשענדעט; אים מיט די פּיס געטראָטן. ער האָט געפּאַסט זײַן געהיימען באַשלוס, אַז — איצט האָט געשלאָגן די שעה; נישט אויסוואַרטן מער — אויס מיט אים!... אַנישט, וועט ער — אים!... אָ, מיט זיי, די אַלטע, ביזטו קיינמאָל נישט זיכער — שדים ווייסן זיי!...

ער האָט געפילט, אַז ער וועט עס איצט זײַן בכוח צו טאָן... וועט זיך נישט שרעקן צו נידערן אַהין, אין אַלטנס טייפלשן קעלער; וואו ער קומט־אַהין, באַדערנאַכט; דאָרט, אים אַוועקלייגן מיט איין קלאַפּ... אָבער;

ער מוז זיך אָננעמען מיט מוט אפריער — איידער ער גייט עס טאָן... די האַנט זאָל טרעפן!... ער וועט גוט אַ זופּ־טאָן מיט יאַטן, כע־ע, די פּאָר שעה... אָ, ער וועט זיין פעסט! —

* *

און, שפּעט באַדערנאַכט; האָט ער צוריקגעקערט אַהיים, אַ גע־שטאַרקטער פונעם טרינקען; און פון זיין באשלוס... ער האָט צוגעמאַכט די דרויסנדיקע טיר; געגומען באַשטייגן די טרעפּ... ער וועט זיך לאָזן אַצינד אהין; צום גרויסן טונקעלן זאַל...

...באַלד, פאַרהאַלט ער זיך אַפן פּלאַץ; נעמט זיך איינהערן... פון דאָרט, פון דער טונקל — אָ, ווי י ע נ ע מאָל, אינדערנאַכט; (און, מיטיינמאָל, בלייבט אָפּגעריסן פון אים דער גאַנצער מוט;) — דער טראָגט זיך א ווייט אָפּגעלעגן געזאַנג... עס גייט צעצויגן; פאַרטרויערט; דערשלאָגן; ווי אַ געבעט שווין־אָן־האָפענונג; אָן אַ טרייסט... אים קומט פאָר, ווי עס רופט צו זיך; מע זאָל קומען אינדערמיט; מיטגיין; העלפן אין געבעט...

נאָר, אָט האָט זיך עס געשטאַרקט. עס נעמט זיך דערנעענטערן; צערענען; דראָען אַף א קול... אָ, אַסאַך זענען זיי; אַ גאַנצע פּראָצעסיע אין גאַנג... זייער געזאַנג צעהילכט זיך; אָ, עס צינדט זיך אין פלאַמען; העלישער פלאַקער הויבט אין דער לופטן; שטייגט... אָט, באַלד, און עס גרייכט צו אים; עס טראָגט אים אונטער דאָרט; פון אָרט, וואו ער איז; עס נעמט אים מ י ט מיט זיך...

...און, ער רייסט זיך אָפּ פון זיין פּלאַץ — דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען — אין וואַנזין־שרעק — זיך־לאָזן אַרויפלויפן צו זיך; פאַר־שפּאַרן אין זיין צימער; ווי דעמאָלט; ביז איבער נאַכט...

...ער באַווייזט דאָס נישט. דאָס גאַנצע הויז, פון אונטן ביז אַרויף, ברענט... אָ, די פייער־צונגען גרייכן אים ביז אַהינצו; קערן אוים מיט

אים; נעמען אים מיט. אין דער נידער... דאָרט, טרעפט ער זיך צוזאַמען מיט זיין אַלטן, פּנים־צו־פּנים...

*　　　　　*

...אין יענער נאַכט;
האָט ער, דער מיטליאָריקער מאַן,
געפּאסט זיין באשלום...
ער האָט גענידערט אין דער טיף;
ווי אַלע מאָל, אין דער זעלטענער שעה;
פארזונקען אין זיין ים;
באלד, אויפגעטויכט דאָרט, אין דער היים;
אין זיין לעצטער וויזיע פון געזאנג...
אָ, ווי ער שטייט בא דער זייט וועג;
קוקט צו די פּראָצעסיע;
אַלע חברים אין גאַנג;
אין געשלאָסענע רייען; אין היילִיקער פריד...
זי, די חבר'טע, שוועבט אין פאָרויס...
אַ צעשמייכלט קינד...
ווי די מאַמע, גוט און פרום...
איבער איר צעפלאטערט די בלוט־רויטע פאָן...
אָ, ער וועט איר אַציינד נישט אויס־
לאָזן מער פונעם אויג...

..זי גייט די פּראָצעסיע, פארביי;
אליץ־נעענטער צום באשטימטן ציל...
צו דער שרעק...

צו דער פּאַניק....
צום ווילדן געלאָף...

....„— חברים, אָ, חברים, טייערע...
ראַטעוועט אונזער פּאָן!...״ —

...זי איינע בלייבט אפן פּלאַץ;
א באַנומענע פון שרעק, פון עקסטאַז...
זי פאַרוויקלט איר פּנים אין דער פּאָן...
אָ, זי קוקט אוים דעם טויט!...

...נאָר דאָ, ע ר, בליץ־שנעל,
וואַקסט אויס אינדערמיט;
און, ער טרעפט זיך צונויף
מ י ט י ע נע ם פ ר ע כ ן ה י נ ט י ש ן ז ו ן,
מ י ט ן ט ו י ט, פ נ י ם־צ ו־פ נ י ם ...

באַלד, זוכט ער איר אָפּ,
וואו זי ליגט, פאַרשטאַרט פאַר שרעק;
די פאַרבלוטיקטע פּאָן, פאַרפּרעסט אין איר האַנט....
ער לויפט אָפּ פון דאָרט, וואוהין
די אויגן וועלן אים טראָגן...

...אָ, ער וועט איר שוין נישט פאַרלאָזן מער.
ער וועט דערוואַרעמען איר האַרץ.
ביז, זי וועט אָפּלעבן; קומען צו זיך...

... — אָ, ליבער, זאָג,
וואוהין וועלן מיר איצט גיין?

...— וואוהין דאָס האַרץ וועט אונז טראָגן;
אונזער פּאַן; אונזער געזאַנג...

...— אָ, ליבער, זאָג,
ווער וועט דען דערהערן אונזער געזאַנג?

...— אונזער קינד, ליבסטע; דו גייסט געבוירן;
אונזער עלנטער זון...
און, עס וועט זיין דער טאָג פון זיין טרויער.
אַז איך, און דו, מירן פאַלן וואו
פון וועלטס פאַרבלוטיקטער האַנט;
מירן פאַרלאָרן־גיין פאַר אים.
אַז ער וועט נישט וויסן מער קיינמאָל פון אונזער געביין;
אָ, אונזער עלנטער זון; דער בן־בלי־שם.
אַזוי, וועט ער פאַרבלייבן גיין,
אַ יתום, איבער וועגן.
אונזער פאַרבלוטיקטע ירושה, די פּאַן,
געשטרעקט אין זיין האַנט...

...„— ווער ביזטו דען, קינד? —
וועט די בייזע וועלט בא אים פרעגן, דערשטוינט.

...„— איך ווייס נישט, גוטע מענטשן... —
וועט אָפּקלינגען זיין ענטפער, אַזוי־ווי אַ געבעט.

...„— אָ, זאָג, קינד, וואָס ווייסטו דען יאָ? —
וועט די טרויעריקע וועלט ווייטער בא אים פרעגן, גערירט.

...„— איך ווייס אַ געזאַנג, וואָס גייט פונעם הארצן... —
וועט אויסרופן אונזער קינד, מיט שטאָלץ.

...דאַן; וועט ער זינגען פאַר דער גאַנצער וועלט
אונזער געזאַנג, ליבסטע; אונזער הארץ.
ער וועט זיך שטעלן אין דער ריי.
אונזער פאָן, געשטרעקט פאָרויס.
גיין און זינגען...

...און די וועלט, אַ געבליבטע,
אַ, וועט זיך לאָזן נאָך אים, אין געזאַנג...

— ס ו ף. —